# לשון און לעבן


חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

זעקסטער יארגאנג | לאנדאן, מאי 1946 | נומער 5 (העפטל 76)

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל


אינהאלט:


| | |
|---|---|
| ווייטשעפל ** | 1 |
| וואס איז א דור (ליד) ה. לייוויק. | 4 |
| פון דער פאעמע „גאלד“, ישראל אפרת. | 5 |
| יוסף חיים ברענער, יעקב הדס. | 7 |
| י. ח. ברענער דער מענטש, ל. ש. קרעדיטאר. | 11 |
| *** מלך כמעלניצקי (ליד). | 17 |
| דער יאר־טאג פון ווארשעווער געטא־אויפשטאנד, פ. זילבערבערג | 18 |
| דער יידישער ערשטער מאי, אליהו פאלושאק. | 19 |
| ווען די זון וועט ווידער קומען (ליד) אברהם ציקערט. | 23 |
| א הייזל מיט א שטרויענעם דאך (ליד) שמואל וואהייט. | 24 |
| ביימער־סאנעטן, לכבוד לג־בעומר, א. נ. שטענצל. | 25 |
| דער אמעריקאנער אויבערמענטש און די אינדישע פרינצעסין (פון דער סעריע איבערלעבענישן) משה עובד | 28 |
| די צווי פריינט (סקיצע) י. ביעטש. | 32 |
| נישט קיין מענטש נישט קיין הינט (דערציילונג) דזשעראלד קערש | 37 |
| אימפארט מעבר לים (עסיי) נחום שטענצל. | 42 |
| לכבוד דוד פינסקיס יובל, א. נ. ש. | 44 |
| ס. פאלמע דער דיכטער „אין חלום־לאנד“, י. ח. קלינגער. | 48 |
| פרץ פייערונג אין יידישן קולטור־קלוב, א. פ. | 51 |
| עטא טאפל און מארק מארקאוו, קייטי בראון | 52 |
| צום סיום פון די העפטלעך און צום געבוירן ווערן פון זשורנאל, דארא דימאנט. | 54 |
| „א שטעקעלע אריין א שטעקעלע ארויס“, ש. | 55 |
| פון יידישן פאלקס מויל 26־27 שלמה גאלדענבערג | 58 |
| יידישע קולטור ידיעות מארבע כנפות הארץ. | 61 |
| אונזער קולטור ידיעות דא | 63 |
| יידיש־ליטעראריש שבת נאכמיטאקס | 64 |



**פרייז 1 שילינג**

**אבאנאמענט פאר דער יאר 13ש. און 6פ.**

אדרעס פון רעדאקציע

„לשון און לעבן“, נאראד־פרעס, 129-131 קאוועל סטריט, לאנדאן, א.1.

*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*



„די צייט“ (געגרינדעט אין 1913 פון מארים מייער)
די איינציגע טעגליכע אידישע צייטונג אין אייראפא

**ארבעטער־רינג**
**פראפאגאנדע קאמיטעט**

סערקל הויז, עלי סט., א.1.

יעדן **זונטיק** 3.30 קומען פאר

ליטערארישע, געזעלשאפטלעכע

פאראנשטאלטונגען איבער קול־

טורעלע און פאליטישע

פראבלעמען.

די ביבליאטעק איז אפן יעדן

זונטיק פון 12־2.

די

**בן־אורי קונסט גאלעריע**

**14, Portman St.,**
**London, W.1.**

האט אן אויסשטעלונג פון

**מאלעריי** און **צייכענונגען**

פון סאלאמאן י. סאלאמאן, ר.א.,

און פון לילא דעליסא דזשאזעס

פון 5־טן ביז 26־סטן מאי.

**נ י י ־ א י ד י ש  ט ע א ט ע ר**

**פאלקס הויז** (בית עם לטד.) **אדלער סט., א.1**

דירעקטאריום: ו. קאסאף, ה. רייפעלזאן, מרס. שאפירא.

משערמאן: מ. ביטלער. אנפירונג: א. מייזעלס. האנ. סעק.: א. ביטלער.

**מאיר צעלניקער**

און די קינסטלער קאמפאניע לויט א״ב:

פרויען: אנא בוים, מארי גאלדשטיין, קלארא מייזעלס, מעטא סעגאל, אנא צעלניקער, מיני שערמאן א.א.

מענער: מארים אקסעלראד, מאקס בוים, פאול גאלדשטיין, דוד סעגאל, א. פוקס, שלמה קאהן, יאזעף שערמאן, משר שאפירא, נייטען שווארץ, א.א.

מוזיק דירעקטאר: פהיל בערנשטיין.

**יעדן אוונט פארשטעלונג** (פרייטאג געשלאסן)
**שבת און זונטאג מאטינע 3 בייטאג**
**אוונט 7.**

# א גרויסע שלום עליכם פייערונג

(צו דער 30־טער יאָרצייט פון אונזער גרויסן קלאַסיקער)

„פריינט פון יידיש לשון" צוזאַם מיטן „ניי יידיש־טעאַטער" אין אַלדער סטריט, גרייטן צו אַ גרויסע פייערונג פאַרן קומענדיקן חודש צום 30־טן יאָר־צייט פון אונזער גרויסן קלאַסיקער שלום־עליכם. אין דעם אָוונט וועלן זיך באַטייליקן אַלע אַקטיאָרן פונם טעאַטער און רעדנער וועלן אויפטרעטן מיט רעפעראַטן איבער אונזער גרויסן קלאַסיקער.

די צוויי קומענדיקע חדשים, מאַי און יוני, דערקלערן מיר פאַר „שלום עליכם־חדשים". אים צו ווידמען מיט פאָרלייענען פון זיינע ווערק, מיט שפּילן זיינע דראַמעס און איינאַקטערס, מיט רעפעראַטן איבער זיין שאַפן.

„פריינט פון יידיש לשון" צוזאַם מיטן „יידישן קולטור קלוב" אָרדענען אויך איין צוויי אָוונטן אין די צוויי חדשים. איינעם אין ווייטשעפּל און איינעם אין סטאַמפאָרד־היל מיט פאָרלעזונגען פון שלום עליכם׳ס באַריםטע הומאָרעסקעס און מיט אויפפירן איניקע איינאַקטערס.

מיר בעטן אַלע קולטור־אינסטיטוציעס און געזעלשאַפטלעכע פאַראיינען זיך אָנצושליסן אין די צוויי־חדשים־פייערונג און מאַכן רעציטאַציע־אָוונטן, פאָרטראָגן איבער אונזער גרויסן קלאַסיקער.

שלום עליכם, דער יידישער, גרויסער הומאָריסט דער יידישער פאָלקס־שרייבער געהערט צו די הומאָריסטן גאונים פון דער וועלט־ליטעראַטור און מיט זיין געוואַלטיקן קינסטלערישן און נאַציאָנאַלן יידישן פאָלקס־כוח איז ער אַטרייסט אין אונזערע שווערע און פינסטערע טעג.

יאָ, „לאַכן איז געזונט דאָקטוירים הייסן לאַכן" האָט אונז געלערנט שלום עליכם, מוזן מיר ווידער אָנהויבן צו לערנען כאָטש אַ שמייכל טון, בכדי אונזער קראַנק פאָלק זאָל געזונט ווערן און אויסהאַלטן און לעבן בלייבן.

## לעאָ קאָברין ע״ה

„פריינט פון יידיש לשון", צוזאַם מיטן „יידישן טעאַטער" אין „גרענד־פּאַלאַס", אָרדענען איין אַ טרויער־אָוונט נאָך דעם איצט פאַרשטאָרבענעם דראַמאַטורג און שרייבער לעאָ קאָברין.

מאַרק מאַרקאָוו גרייט צו אַ פּראָגראַם פאַר דעם אָוונט אויפצוטרעטן צוזאַם מיט זיין אַנסאַמבל פון די ווערק פון דעם נפטר.

דער באַוואוסטער שרייבער לעאָ קאָברינער, געהער צו די ערשטע שאַ־פער, צו די קלאַסיקער פונם אַמעריקאַנישן יידנטום.



# לשון און לעבן

ליטעראַריש־געזעלשאַפטליכער חודש־זשורנאַל

דערשיינט אין לאָנדאָן, אַרויסגעגעבן און רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל.

נאָך 6 יאָר דערשיינען אויף דער יידישער גאַס אין ענגלאַנד, ווערט פון שטענצל׳ס חודש־העפטל אַ חודש־זשורנאַל, מיט דעם נאָמען „לשון און לעבן".

„לשון און לעבן" שטעלט זיך די אויפגאַבע צו פאַרשפּרייטן דאָס יידישע וואָרט אַלס לעבעדיקן באַשטאַנדטייל פונם יידישן לעבן צווישן די ברייטע יידישע פאָלקסמאַסן.

אַ שטענדיקן רייכהאַלטיקער אינהאַלט: יידישע דיכטונג, דערציילונגען, אַרטיקלען איבער ליטעראַטור, קונסט, געשיכטע, יידישע און אַלגעמיינע פראַגן וועלן אויספילן דעם חודש־זשורנאַל.

אַ גרויסע צאָל פון באַקאַנטע און באַדייטענדע יידישע שרייבער און קולטור־טוער וועלן זיין די שטענדיקע מיטאַרבעטער פון „לשון און לעבן".

ביי יעדעם יידיש־דענקענדן מענטש און אין יעדעם יידישן הויז, אויך מחוץ ענגלאַנד, דאַרף זיך געפינען דער זשורנאַל „לשון און לעבן"

דעם יונגען יידיש־רעדנדיקן ישוב. און די גייסטיקע זיך בויענדיקע איינהייט

# ווייטשעפּל

דרויסן אין די לאָנדאָנער גרויסע פּאַרקן און אין די פרילינג צעבליטע גערטנער עפענען זיך די טולפּן און די קנאָספּן אויף די ביימער, די ליכטיקע מאַי־גלעקלעך, אַדורכבערעכנדיק זיך דורך דער פענסטערער ערד קלינגען: פרי־לינג, פרי־לינג! און דאָ זעט זיך אַנידער, אינם ווייטשעפּלער „לשון און לעבן" בוידעמדיקן רעדאַקציע שטיבל, אַנצושרייבן דעם לייט־אַרטיקל־פעליעטאָן לכבוד מאַי. עס איז אַ שווערע אַרבעט פאַר אַ רעדאַקטאָר פון אַ יונגעטשקן זשורנאַל, אַקאָרשט אַן אַרויסגעפּיקטער זיך, וואָס ס'קלעבן נאָך אויף אים די אייער־שאָלן פון די פּאָעזיע־„העפטלעך". עס איז אַ שווערע אַרבעט אין „ליבן מאָנאַט מאַי".

איך האָב אָבער לגמרי נישט קיין מיטלייד מיט מיר!

האָט דען צוריק מיט 17 הונדערט יאָר אין פּומבדיתא, יענער „זשאַרגאָן" שרייבער, — מסתמא אויך אין אַזאַ נישט באַבוימערט און נישט באַמלימלט בוידעם חדרל, — געחלומט, אַז דאָס וואָרט פּומבדיתא וועט אין טויזנטער שטעט און שטעטלעך פרילינגדיק אויסגעזונגען ווערן: פּומב—דיתא, פּומב—דיתא? אין זיין „ביצה שנולדה ביום טוב". — אַ, און אין וואָסער געוואַלטיקע מחלוקתן זי איז דאָס אויסגעוואָרקעט געוואָרן! — וועט אויסגעזעסן ווערן אויף טויזנטער בית־המדרש־און ישיבה־בענק מיט מיליאָנען קילעבלעך פון זינגענדיקע פיינעלעך?

טאָ מיט וואָס זאָל דאָס מזל פון ווייטשעפּל זיין אַנדערש ווי דאָס פון פּומבדיתא? קלינגט עס נישט פּונקט אַזוי זינגעוודיק שיין און וואונדערלעך: ווייט—טשעפּל, ווייט־טשעפּל?...

יאָ, האָט דאָך דאָ, אין ווייטשעפּל, דאָס קלאָפּנדיקע האַרץ פון אונזער גרויסן קלאַסיקער־פּאָעט מאָריס ראָזענפעלד זיינע ערשטע לידער דאָ אויסגעקלאַפּט, באַגלייט אינם טאַקט פון צענדליקער טויזנטער יידיש־זשומענדיקע זינגער מאַשינען; אין טויזנטער בליטן און קנאָספּן־רייזעלעך עס צאַפּלדיק צעשניטן מיט זיין גרויסער שניידער־שער, וועלכע ער האָט געטראָגן אין זיין וועסטל קעשענע, שפּאַנענדיק איבערן ברייטן ווייטשעפּל־טראָטואַר.

און פון דאָ, פון ווייטשעפּל אַרויס, פונם האַרץ פון די שטראָמענדיקע נע־ונד־געסלעך, האָט דאָך דער „משוגענער פילאָסאָף" ווינטשעווסקי מיט זיין האַרעפּאַשנעם אויסגעאַרבעטן מוח אַריבערגעוואָרפן די פּאַפּירענע בריק איבערן אָצעאַן. און ווער אַלץ איז איבער דער בריק נישט אַריבערגעגאַנגען, פון אונזער ליבן אַברהם רייזין ביז ל. שאַפּירא, און אַריבערגעקומען בשלום.

• •

אָבער דאָס וואָס ס'איז די יהודים דערמיט נישט געלונגען, — צוצערייסן דעם יונגען יידיש־ייִדנדיקן ישוב. און די גייסטיקע זיך בויענדיקע אייגנהייט

# אַ גרויסע שלום עליכם פייערונג

(צו דער 30־טער יאָרצייט פון אונזער גרויסן קלאַסיקער)

„פריינט פון יידיש לשון" צוזאַמען מיטן „ניי יידיש־טעאַטער" אין אַרלער

לעזט און פאַרשפּרייט, אַבאָנירט און אונטערשטיצט דעם איינציקן ליטעראַריש־קינסטלערישן חודש־זשורנאַל אין ענגלאַנד „לשון און לעבן".

אין נאָמען פון דער פּראָפּאַגאַנדע־קאָמיסיע פון „פריינט פון יידיש־לשון"

י. ביעטש, פאָרזיצער.

---

פילט אויס דעם דאָזיקן אָפּשניט און שיקט עס איין אויף די אַדרעס פון אונדזער סעקרעטאַר:

E. Paluszak, 64, Lauriston Road, London, E.9.

איך דערקלער מיך אַלס אַבאָנענט פאַר דעם חודש־זשורנאַל „לשון און לעבן" און שיק איין דעם בעטראַג:

פאַר אַ יאָר: 13ש.6פ.
פאַר אַ האַלב יאָר: 6ש.9פ.
פאַר דריי חדשים: 3ש.6פ.

Name.................................................נאָמען
Address.............................................אַדרעס
Signature..........................................אונטערשריפט

מער. צו די קלאַסיקער פונם אַמעריקאַנישן יידנטום.

# לשון און לעבן

## ליטעראריש-געזעלשאפטליכער חודש-זשורנאל

דערשיינט אין לאנדאן, ארויסגעגעבן און רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל.

נאך 6 יאר דערשיינען אויף דער יידישער גאס אין ענגלאנד, ווערט פון שטענצל׳ס חודש־העפטל א חודש־זשורנאל, מיט דעם נאמען „לשון און לעבן״.

„**לשון און לעבן**״ שטעלט זיך די אויפגאבע צו פארשפרייטן דאס יידישע ווארט אלס לעבעדיקן באשטאנדטייל פונם יידישן לעבן צווישן די ברייטע יידישע פאלקסמאסן.

א שטענדיקן רייכהאלטיקער אינהאלט: יידישע דיכטונג, דערציילונגן, ארטיקעלן איבער ליטעראטור, קונסט, געשיכטע, יידישע און אלגעמיינע פראגן וועלן אויספילן דעם חודש־זשורנאל.

א גרויסע צאל פון באקאנטע און באדייטענדע יידישע שרייבער און קולטור־טוער וועלן זיין די שטענדיקע מיטארבעטער פון „**לשון און לעבן**״.

ביי יעדעם יידיש־דענקענדן מענטש און אין יעדעם יידישן הויז, אויך מחוץ ענגלאנד, דארף זיך געפינען דער זשורנאל „**לשון און לעבן**״.

לעזט און פארשפרייט, אבאנירט און אונטערשטיצט דעם איינציקן ליטעראריש־קינסטלערישן חודש־זשורנאל אין ענגלאנד „**לשון און לעבן**״.

אין נאמען פון דער פראפאגאנדע־קאמיסיע פון „פריינט פון יידיש־לשון״

**י. ביעטש**, פארזיצער.

---

פילט אויס דעם דאזיקן אפשניט און שיקט עס איין אויף די אדרעס פון אונדזער סעקרעטאר:

E. Paluszak, 64, Lauriston Road, London, E.9.

איך דערקלער מיך אלס אבאנענט פאר דעם חודש־זשורנאל „לשון און לעבן״ און שיק איין דעם בעטראג:

פאר א יאר: 13ש.6פ.
פאר א האלב יאר: 6ש.9פ.
פאר דריי חדשים: 3ש.6פ.

Name.................................................נאמען

Address.............................................אדרעס

Signature........................................אונטערשריפט

# א גרויסע שלום עליכם פייערונג

(צו דער 30־טער יאָרצייט פון אונזער גרויסן קלאַסיקער)

„פריינט פון יידיש לשון" צוזאַם מיטן „ניי יידיש־טעאַטער" אין אַרלער סטריט, גרייטן צו אַ גרויסע פייערונג פאַרן קומענדיקן חודש צום 30־טן יאָרצייט פון אונזער גרויסן קלאַסיקער שלום־עליכם. אין דעם אָוונט וועלן זיך באַטייליקן אַלע אַקטיאָרן פונם טעאַטער און רעדנער וועלן אויפטרעטן מיט רעפעראַטן איבער אונזער גרויסן קלאַסיקער.

די צוויי קומענדיקע חדשים, מאַי און יוני, דערקלערן מיר פאַר „שלום עליכם־חדשים", אים צו ווירדיקן מיט פאַרלייענען פון זיינע ווערק, מיט שפּילן זיינע דראַמעס און איינאַקטערס, מיט רעפעראַטן איבער זיין שאַפן.

„פריינט פון יידיש לשון" צוזאַם מיטן „יידישן קולטור קלוב" אַרדענען אויך איין צוויי אָוונטן אין די צוויי חדשים, איינעם אין ווייטשעפּל און איינעם אין סטאַמפאָרד־היל מיט פאַרלעזונגען פון שלום עליכם־ס באַרימטע הומאָרעסקעס און מיט אויפפירן איניקע איינאַקטערס.

מיר בעטן אַלע קולטור־אינסטיטוציעס און געזעלשאַפטלעכע פאַראיינען זיך אָנצושליסן אין די צוויי־חדשים־פייערונג און מאַכן רעציטאַציע־אָוונטן, פאַרטראָגן איבער אונזער גרויסן קלאַסיקער.

שלום עליכם, דער יידישער, גרויסער הומאָריסט דער יידישער פאָלקס־שרייבער געהערט צו די הומאָריסטן גאונים פון דער וועלט־ליטעראַטור און מיט זיין געוואַלטיקן קינסטלערישן און נאַציאָנאַלן יידישן פאָלקס־כוח איז ער אַטרייסט אין אונזערע שווערע און פינסטערע טעג.

יאָ, „לאַכן איז געזונט דאָקטוירים הייסן לאַכן" האָט אונז געלערנט שלום עליכם, מוזן מיר ווידער אָנהייבן צו לערנען כאָטש אַ שמייכל טון, בכדי אונזער קראַנק פאָלק זאָל געזונט ווערן און אויסהאַלטן און לעבן בלייבן.

## לעאָ קאָברין ע״ה

„פריינט פון יידיש לשון", צוזאַם מיטן „יידישן טעאַטער" אין „גרענער־פּאַליי", אַרדענען איין אַ טרויער־אָוונט נאָך דעם איצט פאַרשטאָרבענעם דראַמאַטורג און שרייבער לעאָ קאָברין.

מאַרק מאַרקאָוו גרייט צו אַ פּראָגראַם פאַר דעם אָוונט אויפצוטרעטן צוזאַם מיט זיין אַנסאַמבל פון די ווערק פון דעם נפטר.

דער באַוואוסטער שרייבער לעאָ קאָברינער, געהער צו די ערשטע שאַ־פער, צו די קלאַסיקער פונם אַמעריקאַנישן יידנטום.

# ווייטשעפּל

דרויסן אין די לאָנדאָנער גרויסע פּאַרקן און אין די פרילינג צעבליטע גערטנער עפענען זיך די טולפּן און די קנאָספּן אויף די ביימער, די ליכטיקע מאַי־גלעקלעך, אַרורכבערעכנדיק זיך דורך דער פינסטערער ערד קלינגען: פרי־לינג, פרי־לינג! און דאָ זעט זיך אַנידער, אינם ווייטשעפּלער „לשון און לעבן" בוידעמדיקן רעדאַקציע שטיבל, אָנצושרייבן דעם לייט־אַרטיקל־פעליעטאָן לכבוד מאַי. עס איז אַ שווערע אַרבעט פאַר אַ רעדאַקטאָר פון אַ יונגעטשקן זשורנאַל, אָקאָרשט אָן אַרויסגעפּיקטער זיך, וואָס ס׳קלעבן נאָך אויף אים די אייער־שאָלן פון די פּאָעזיע־„העפּטלעך". עס איז אַ שווערע אַרבעט אין „ליבן מאָנאַט מאַי".

איך האָב אָבער לגמרי נישט קיין מיטלייד מיט מיר!

האָט דען צוריק מיט 17 הונדערט יאָר אין פּומבדותא, יענער „זשאַרגאָן" שרייבער, — מסתמא אויך אין אַזאַ נישט באַבוימערט און נישט באַמלימלט בוידעם חדרל, — געחלומט. אַז דאָס וואָרט פּומבדותא וועט אין טויזנטער שטעט און שטעטלעך פרילינגדיק אויסגעזונגען ווערן: פּומב—דותא, פּומב—דותא? אין זיין „ביצה שנולדה ביום טוב". — אַ, און אין וואָסער געוואַל־טיקע מחלוקתן זי איז דאָס אויסגעוואָרקעט געוואָרן! — וועט אויסגעזעסן ווערן אויף טויזנטער בית־המדרש־און ישיבה־בענק מיט מיליאָנען קולעכלעך פון זינגענדיקע פיינעלעך?

טאָ מיט וואָס זאָל דאָס מזל פון ווייטשעפּל זיין אַנדערש ווי דאָס פון פּומבדותא? קלינגט עס נישט פונקט אַזוי זינגעוודיק שיין און וואונדערלעך: וויים—טשעפּל, ווייט־טשעפּל?...

יאָ, האָט דאָך דאָ, אין ווייטשעפּל, דאָס קלאַפּנדיקע הארץ פון אונזער גרויסן קלאַסיקער־פּאָעט מאָריס ראָזענפעלד זיינע ערשטע לידער דאָ אויס־געקלאַפּט. באַגלייט אינם כאָר פון צענדליקער טויזנטער יידיש־זשומענדיקע זינגער מאַשינען; אין טויזנטער בליטן און קנאָספּן־רייזעלעך עם צאַפּלדיק צעשניטן מיט זיין גרויסער שניידער־שער, וועלכע ער האָט געטראָגן אין זיין וועסטל קעשענע, שפּאַנענדיק איבערן ברייטן ווייטשעפּל־טראָטואַר.

און פון דאָ, פון ווייטשעפּל אַרויס, פונם הארץ פון די שטראָמענדיקע נע־ונר־געסלעך, האָט דאָך דער „משוגענער פילאָסאָף" ווינטשעווסקי מיט זיין הארעפּאַשנעס אויסגעאַרבעטן מוח אַריבערגעוואָרפן די פּאַפּירענע בריק איבערן אָצעאַן. און ווער אַלץ איז איבער דער בריק נישט אַריבערגעגאַנגען, פון אונזער ליבן אַבֿרהם רייזין ביז ל. שאַפּירא, און אַריבערגעקומען בשלום.

• •

אָבער דאָס וואָס ס׳איז די יהודים דעמלט נישט געלונגען. — צוצערייסן דעם יינגען יידיש־ריידנדיקן ישוב, און די גייסטיקע זיך בויענדיקע איינהייט

צו צעפיצלען און צו צעבלאזן איבערן גאנצן לאנדאנער כרך. — איז עס דעם „בליץ" ליידער יא געלונגען. פון ווייטשעפל איז קיין דריטל צומאל נישט איבערגעבליבן. און דאס דריטל איז יענער נעבעכדיקער טייל, ביי וועלכן עס שטייעט נישט אויף גאלדערס־גרין, אויף קריקלוואוד, צי אפילו אויף סטאטי־פארד היל.

שטייט דער ארבעטער־רינג פאריתומט אלע זעקס טעג פון דער גאנצער וואך און די וועלטלעכע שול — שוין דאס זיבנטע יאר! זונטיק באווייזן זיך נאך א טייל „מעמבערס" איינצוצאלן די „סאסייעטי" און אפשר מיט אהיימצוברענגען פון א ספרים־געוועלבל אין ווייטשעפל אן ארבע־כנפות'ל פארן איניקל, און דער קול פון א קלאפנדיקער דאמינע הערט זיך נאך ב"ה צווישן די ווענט פונם ארבעטער רינג...

עס איז ממש צו באוואונדערן די פאר אקטיווע קולטור־טוער פונם ארבעטער־רינג חבר מינדל, חבר בעלקין, אויף א געוויסן אופן אויך פריינט דרין און עלעק וואטערמאן און נאך א פאר יחידים, וואס וואלטן נאך גערן אויפגעהאלטן א זכר כאטש פון יידישער קולטור אויף דער יידישער גאס דא.

דער אמאליקער אקטיווער שול־קאמיטעט באווייזט זיך נישט פאר די אויגן! איז עס ווייל זיי שעמען זיך, אדער רוען זיי שוין דארטן אויף זייערע לארבער־קרענץ אין קריקלוואוד, צי אין גאלדערס־גרין ?...

די פרומע יידן, אז זיי ציען זיך ארויס אין יענע מקומות זוכן זיי דאך צו מאכן א שטיקל שול, א תלמיד תורה! איז דער גרענעץ טאקע פון יידיש־וועלטלעכע קולטור טאקע פון אלדגייט ביז מייל ענד? און דארט וואו די ביימער הייבן אן צו בליען, וואו דער הימל שפרייט זיך קלארער אויס איז אויס מיט יידישע קולטור — דארטן איז שוין שעקספיר, שעלי?

און וואס איז מכוח די יידישע שרייבער און קולטור־טוער מחוץ דעם גרענעץ־קרייז, זיינען זיי אויך שוין יוצא מיט „פיקטשערס" פאר זיך, פארן ווייב און קינד און פאר כל ישראל?

איך גלייב, אז ס'איז שוין צייט, אז מיר דא, וואס באמיען זיך אנצוהאלטן כאטש אן אפשיין פון יידישע קולטור אויף דער יידישער גאס, אז מיר זאלן ארויס מיטן גאנצן אפענעם אמת, — און ווען אפילו ס'זאל הייסן מיט אפן קאפ! ווייל ווילאנג קאנען מיר פארדעקן א צרעת, בפרט אז ער האלט זיך אין איין צעוואקסן. און „פרעמדע" אויגן צומאל, זעען די נגע, ס'י ווי ס'יי? אז מ'הויבט זי שוין גאר אן צוטראגן אויפן שטערן ווי א שמוק, ווי א פערל אויסגעצירט שטערן־טיכל...

* *

ווייטשעפל אבער פארלירט נישט דאס פנים! ס'ווערט נאר איינגעשרומפן, שמאלער, די באקן ביינער שטארטשן שוין ארויס, אבער זיינע פארעקשנטע ליפן פארבייסט ווייטשעפל און האלט אויס.

די געסלעך אויף יענער זייט קאמערשל רויד זיינען שוין פול מיט נעגער־קלובן, מיט אינדישע קאוויארנעלעך אנשטאט מיט די אמאליקע כשרע רעס-



טאראנטלעך. אויף דער אנדערער זייט אלדגייט, אין דער דייקפליס־שול פרעדיקט מ'שוין אין א צעקאלעטשעטן ענגליש, פאר א האלב אויסגעלייריקטן שול; עס ציען שוין נישט די גייסטרייכע דרשות פון דיין אבראמסקי.

עס איז „פנה זיוה, פנה הודה, פנה הדרה".

און דער „סייאניסטישער" שול־קאנסיל גרייט זיך צו פארבאפן ווייטשעפל מיט „יודאאיזם" — נישט חלילה מיט העברעאיש!...

נעבעכדיק, מרה־שחורהדיק זעט עס איצט אויס דא אין די יידישע געסלעך, אבער ווייטשעפל פארלירט נישט זיין אויסזען, זיין יידישע צורה.

ווייטשעפל געהער צו דער געיידישטער ערד פון אונזערע געהייליקטע שטעט און שטעטלעך. מיט ראזענפעלדס „ס'וועט־שאפ־לידער" איז די ערד דא אויסגעקנאטן, און מיט ווינטשעווסקיס פארעקשנטן אויסדויער האלטן מיר פעסט דא יעדן שפאן.

און האט נישט דער קדוש יוסף חיים ברענער טאקע פון דא, פון ווייטשעפל „מעורר" געווען די יידישע וועלט מיט זיין יידיש לשון, מיט העברעאיש?

„התורה מחזרת על אכסניה שלה"!

האבן מיר זיך געפרייט און אונזערע הענט זיינען געשטארקט געווארן אין אונזער ארבעט, ווען מיר האבן דערזען, אין מיטן א „יידיש ליטעראריש שבת נאכמיטאג". ארייגקומען די שרייבער געסט ה. לייוויק און ישראל אפרת אין באגלייטונג פון זייער באגלייטערין די יידיש־אמעריקאנישע זינגערין שיינוועער.

אדורכגעזינדיקע אויף א טאג, אלארשט פונם שיף ארפ און אויפן פליער ארויף און איר האט אייך די מי גענומען און צו אונז געקומען האט איר דאך מסתמא געוואוסט וואס איר טוט. ברויך מען דאך אייך פון אונזער ארבעט נישט צו דערציילן. וואס מיר ווילן אייך יא זאגן איז, אז מיט אייער ארופקומען צו אונז האט איר אונזער ארבעט געשטארקט און אונזער יידיש געהייליקטע ערד דא אין ווייטשעפל, נאך טייערער געמאכט.

נישט קיין בלומען האבן מיר אייך אקעגנצוטראגן... זיי וואקסן נישט דא אין די געסלעך! איר האט געזען דעם גרויסן עולם יידן, קיין עין הרע, אפגעארבעטע, הארעפאשנע, פארמאטערטע מענער און פרויען.

זייערע הערצער גייען אבער אויף, בליענדיק־פריש און יונגערלעך קנאספנדיקע, ווען מען לייענט פאר זיי פאר פון דער יידישער ליטעראטור. ווען מען זינגט פאר זיי יידישע פאלקס־לידער. און דעם באוואוסטזיין נעמט מיט פון אונז דא, אויף אייער וועג אין די לאנגען פון אונזערע געפייניקטע שוועסטער און ברידער, און ס'איז בעסער ווי די בוקעטן פון די שענסטע בליטן און בלומען.

דעם באוואוסטזיין, די קליינע פראקטישע טאטזאך, אז אונזער יידישע שאפונג טראגט אין זיך טרייסט און היילונג, טראגט אין זיך סטימול און דערמוטיקונג, נעמט מיט ווי א ווייטשעפל גרוס פאר אונזערע ברידער.

## ה. לייוויק

### וואס איז א דור ? *)

וואָס איז אַ דור ? וואָס מיינט אַ דור ?
צי דאַרף איך נאָך צום דור פון היינט געהערן ?
צי ברענט נישט אויפן פנים פון אַ נייער וואָר
דער צייכן פון דעם אַלטן קינס שטערן ?

צי ליגט נישט הבל היינט נאָך אויף מיין שוועל ?
צי איז מיין טיש נישט יצחקס באַרג מוריה ?
צי בין איך נישט דער טרעגער פון באַפעל
פון דודן צו אומברענגען אוריה ?

צי איז נישט מיין געלעגער רויט באַשפּריצט
מיט בלוט פון דעם פּלגש־לייב פון גבעה ?
צי וואָגלט נישט אַרום מיין בליק אויך איצט
אַרום די אויסגעהרגעטע אין מדבר ביי מריבה ?

צי שטאַרבט נישט משה אויף מיין בוידעם, ווי אויף באַרג נבו,
דערווייטערט פון די שבטים מיט די דגלים ?
צי בין איך נישט אַליין געשטאַנען אין דער ריי
פון די מרגלים, די פאַרשווערער פון זיין חלום ?

צי בין איך נישט אַליין דער טיטוס, וואָס פאַרברענט גאָטס שטוב ?
צי ראַטעווע איך נישט אָפּ אויך היינט דעם כותל המערבי ?
צי זיץ איך נישט מיט אַש באַשאָטן אין אַ גרוב
און יאָמער נישט דעם יאָמער פונם איכה־נביא ?

צי בין איך נישט די קוהאַל, וואָס פייניקט ר׳ עקיבאס גוף ?
צי בין איך נישט אַליין צופליקט אויף טויזנט קריעות ?
צי גיט מיך נישט אַ טראָג אַ שטורמווינט אַרויף
צי וויקלען מיך איין לעקערטס און אין באַטווינס תליות.

אין פייער אויף מיין שוועל, צי הער איך נישט ווי ס׳זידט
דאָס בלוט פון זכריה און פון יוסף חיים ברענער ? —
צי בין איך נישט אַליין דער שמיד, וואָס שמידט
ווי גראַבאַייזנס, אי קייטן, אי גאולה־פענער ?

צי בוועך איך נישט דורך פיר גאַנצע טויזנט יאָר
מיט מיין געשטעמפּלטן, פאַרהאַרטעוועטן שטערן ?
וואָס איז אַ דור ? וואָס מיינט אַ דור ?
צי דאַרף איך נאָר צו אים אַליין געהערן ?

---

*) פונם נייעם בוך „אין טרעבלינקי בין איך נישט געווען“.



## ישראל אפרת

ייִדיש : מרדכי יאפע

### פון דער פּאָעמע „גאָלד“

און אויף דער פּערמע לעבן סיילעם האָט מען צוגעגרייט אַ יום־טוב :
דער יום־טוב פונ׳ם קליאַנען־סיראָפּ ; און דאָס מאָל מיט מער פּאַראַד נאָך
ווייל ס׳איז געווען דער לעצטער יום־טוב, אייסגעמישט מיט פרייד און טרויער
פון גאָר אַן אַנגעזעענער משפחה, וועלכע וואַרצלט אויס זיך
פון איר דורות־דורות׳דיקער ערד אויף גאָר אַנייעם באָרן.
עס איז געווען אין חודש שבט און ס׳האָט די לופט נעבלענדט, נעלויכטן
מיט זונען־שיין וואָס האָט זיך אָפּגעפליטערט פון די שנייען־פעלדער.
עס האָט דער טאָג געוואַרעמט און די נאַכט האָט אָבער אַלץ נעפרירט נאָך
און אין דער בייטעניש פון קעלט און וואַרעמקייט צעטריפט דער בוים־זאַפט.
אין וואַלד דאָרט אין די גראָבע שטאַמען פון די הויך־געשטרעקטע קליאַנען
— דורך שטאַלטנע בחורים, וואָס זיינען ראוי שוין צו זיין באַווייבטע —
אַריינגעבויערט זיינען קראַנען און אויף זיי צעהאַנגען — עמערס,
וואָס ציען זיך אַזוי אַנטקעגן דרום־זייט אין גאַנצע רייען ;
און לעבעדיקער קלאַנג פון טריף־טריף הערט זיך אין דער ווייטער שטילקייט
און רופט און מאַניעט : קום אַהער, דו מענטש, און טרינק די זיסע בלוטן,
וואָס מיינע וואָרצלען האָבן פון דער טיפעניש פון ערד געזויגן,
טרינק, טרינק, ווי לאַנג מיין קרוין־שטאַם איז נאָך שוואַרץ און ליידיק :
ווען ערשטער גרין־שפּראָץ וועט באַווייזן זיך, וועל איך מיין ברוסט פאַרמאַכן
און כ׳וועל פאַר איינעגער באַדערפעניש שוין אַלצדינג דאַרפן האָבן.
און ס׳קומט דער מענטש. עס טראָגט זיך אָן אַ גלעקל־קלונג פון פערד און
שליטן
און ס׳קומען הענט וואָס ליידיקן מיט אַזאַ אימפּעט אויס די עמערס
איינגאַנצן אין אַ גרויסער פאַס. די שליטנס גיבן זיך אַ לאָז — פאַרשווינדן,
און ווידער הערט זיך דער טריף־טריף וואָס ענטפערט אין דער ווייטער
שטילקייט :
ס׳געזאַנג פון עטלעכע נעציילטע קלאַנגען וואָס צעפאַלן רימטיש
און קלאַפּן אָפּ אויף גאַנצן וואַלד און וועלט אין אַלע אירע ווייטן.

אַזוי קומט פאַר דריי וואָכן נאָכאַנאַנד. און עבי׳ס אַלטער פאָטער
פאַרפעלט נישט קיין שום פּערמע, גייט אַרום און בעט ביי יעדן איינעם :
אַ, טוט מיר אָן דעם כבוד איצט און קומט אַריבער אויף מיין פּערמע
צום סיראָפּ יום־טוב — ס׳איז דאָך, איינגטלאַך, מיין לעצטער יום־טוב.
און אין דער קיך איז עבי איצטער שטאַרק באַשעפטיקט מיט הכנות :
זי מאַכט פאַרשיידענע מאכלים און גיסט לאַטקעס ; און איר רעני
ער טוט און קלעטערט אויף די אָנגעשטעלטע ריישקעס און די מולטערס,

ביז זיינע ווארעם־גרויע אויגן גלאנצן־אויף. ווי ביי א קעצל,
און שפילן־אויף פון זיין ׳באמעלטן פנים. און אין ווינקל דרעמלט
די אלטע איינגעבוינן אויף איר שטעקן. ווי עס איז דער שטיינער,
און חלום׳ט וועגן קאווענעס וואס זיינען אזוי גרויס ווי פעסער,
אזעלכע גרינע פעסער אנגעפילט מיט רויטן ווייַן איינגאנצן;
אט נעמט זי און זי גיט א שטעק אין קאווענע, א מעסער —
און ס׳גיט א שפריץ, ווי א פאנטאן, דער וויין באלד אויף איר פנים.
אט נעמט זי אן אקוקורוזע פול באזעצט מיט גרויסע קערנער —
זי דארף די הענט צעשפרייטן אויף צו האלטן זי פאר בײדע ברעגן...
אזוי־א חלום׳ט זי פאר זיך און לעקט זיך מיט דער צונג די ליפן
און מיטאמאל — א קלאפ! זי כאפט זיך אויף: א דייזשקע איז געפאלן
און אונטער איר ליגט דעני פול מיט מעל און מיט געלעכטער...

און אט איז שוין די יום־טוב׳דיקע נאכט מיט מזל אנגעקומען:
אנטקעגן הויז, אין העל־שיין פון א פול־צעלויכטענער לבנה,
דריי גרויסע קעסלען הענגען איבער פלאמענדיקע שייטערס.
אין איינעם פון די קעסלען קאכט זיך ביסלעכווייז אזוי דער סיראפ,
ער זידט און בלעזלט זיך און לאזט פונאנדער שמעקענדיקע פארע;
א פועל מיט א שטארק צעפלאמט געזיכט, שטייט איבער אים געבויגן
און שוימט אראפ פון אים דאס אומריינע וואס גייט ארויף פון אויבן,
ביז ס׳ווערט געדיכטער זאפט וואס איז כמעט אין זיין קאליר בורשטיניק.
אין צווייטן קעסל קאכט זיך שוין דער זאפט — גענומען פון דעם ערשטן,
און זידט און בלעזלט זיך און שפרייט זיין פיינעם שמעקנדיקן ריח.
דער פועל, מיט נאך מער צעפלאמטן פנים, נעמט און גיסט אריין דארט
אביסל מילך און איי — עס איז פאר ריינקייט דאס א גוטע סגולה —
ביז ס׳ווערט אזא געשמאק געריכט, אז וועלכער מענטש וואלט דען ניט גערן
א שטעק געטאן אין דעם א פינגער און מחיה׳דיק באלעקט זיך?
און אין דעם דריטן קעסל קאכט זיך שוין דער האנעקדיקער מאכל,
וואס בלעזלט זיך און לאזט פונאנדער זיין מחיה׳דיקן ווייַרעך;
און דער צעפלאמטער פועל גיסט פון אים ארויס דעם זאפט אין בעקנס,
וואו ער פארהארטעוועט זיך און ווערט זיסער נאך פאר זיסן צוקער.
און ס׳איז די גאנצע פינצטערניש געוויי־רעכט און פארזיסט — אז דארפסט נאר
א שטעק טאן, ברודערל, דיין צונג און פשוט־פראסט די נאכט א לעק טאן!
און סאוועס, פלעדערמייז און אוהום פליען אום אזוי אין טונקל
ארום די שייטערס דארט און קוויטשן אויש פון שברות. און עס קומען
די געסט, מיט גלעקלעך און מיט שליטנס, קומען איינער נאכ׳ן צווייטן:
די עלטערע — צום שייער, און די יונגע בלייבן אפ אין דרויסן;
זיי נעמען הויפנס שניי אן און באגיסן זיי מיט הייסן צוקער,
וואס ווערט איינגאנצן גיך פארגליווערט; און דער קעניגליכער מאכל.



וואס שניידט אזוי מיט זיין פארפרוירנקייט און לינדערט מיט זיין זיסקייט,
ווערט גלייך פון זיי פארשלונגען און אין זייער בויך צעגאנגען.
קינדייסים מאניען־צו די הינט. זיי זאלן זייער פיסק ארייַנטאן
אין קלעפעוודיקן אפזאץ וואס בלייבט איבער פון דעם זיסן סיראפ.
די הינט פארזוכן און פאסטמאקעווען פון דעם זיך. ס׳איז א שאד נאר:
די וואקסענדיקע זיסקייט קלעפט זיך און פארקלעפט אזוי דעם פיסק זיי
אז תיכף נעמען זיי ארומלויפן מיט קרעכצן און געוואיען
און די ווייס׳חברה׳ניקעס לויפן נאך זיי מיט פריילעכן געלעכטער.

## יעקב הדרס

# יוסף חיים ברענער

(צום 25־טן יארצייט)

ווען איוב׳ן האבן אונזערע חכמים געזאגט, אז לא היה ולא נברא אלא משל היה, אמאל דוכט זיך אז יוסף ברענער איז געווען נישט מער ווי א משל.

אט איז דער משל געווען פייערמאן אין דער דערציילונג „חורף“: אן אנדערטמאל (אין „מסביב לנקודה“) איז אבראמזאן דער משל, און אין „במעבר לנבולין“ איז דער העלד פונעם זעלבן משל יוחנן א. אז. וו. די דאזיקע און אנדערע געשטאלטן אין זיינע דערציילונגען דעקן זיך אזוי שטארק מיט זייער שעפער, אז אפילו פאר איינעם וואס האט אים געקענט פנים אל פנים דוכט זיך אז אין דער ווירקלעכקייט איז נאר נישט געווען אזא פערזאן ווי ברענער.

ווען פייערמאן רעדט וועגן זיין פריסטער יוגנט דערציילט ער ווי זיינע חברים פלעגן אים דערגיין די יארן — זיך רייצן מיט אים, חוזק מאכן פון זיין הילוך, זיינע תנועות, גערופן אים אלערליי צונעמענישן, געהאלטן אים פאר א בטלן, א פארזעניש.

פייערמאן (ד.ה. ברענער) האט זיך נייסטיק ניקס געווען דורך דעם וואס ער איז געווארן א גרויסער למדן, געלערנט מיט גרויס התמדה, זיך דערתרונטער וועט אין אליץ און אלעם ארום אים. אבער ווען מ׳האט געזען ברענערן שוין א דערוואקסענעם, א קרעאטיוון ריי, האט זיך אלץ געדוכט, אז דאס איז די זעלבע געשטאלט פון פייערמאן. דער גוף איז גרעסער געווארן, און די אויסגעוואקסענע פיגור מער מגושמדיק אבער דער זעלבער ווען מ׳האט אויסגעלאכט און פארשפאט אינגלווייז.

פון דער ערשטער באגעגעניש מיט ברענערן איז נישט געבליבן ביי מיר קיין שום רושם. עס געדענקט זיך איבערהויפט נישט וואו מיר האבן זיך געטראפן. אויב מיין זכרון פארפירט מיר נישט איז דאס געווען אין א געסל אין בריק ליין (פרינסעלעט סטריט) בעת א שמיקל טומל ארום דער רעדאקציע פון א ראדיקאלער צייטונג — אפשר „נייע צייט“ — פאר וועלכער ברענער, אויב איך האב קיין טעות נישט, האט עפעס געשריבן פאר א קורצער צייט.

ברענערס אנקומען אין לאנדאן האט דאך בלי ספק געמוזט מאכן א

ביז זיינע וואַרעם־גרויע אויגן גלאַנצן־אויף, ווי ביי אַ קעצל,
און שפּילן־אויף פון זיין׳באַמעלטן פּנים. און אין ווינקל דרעמלט
די אַלטע איינגעבויגן אויף איר שטעקן, ווי עס איז דער שטיינער,
און חלומ׳ט וועגן קאַוועגעס וואָס זיינען אַזוי גרויס ווי פעסער.
אַזעלכע גרינע פעסער אָנגעפּילט מיט רויטן ווייַן אינגאַנצן;
אַט נעמט זי און זי גיט אַ שטעק אין קאַוועגע, אַ מעסער —
און ס׳גיט אַ שפּריץ, ווי אַ פאַנטאַן, דער ווייַן באַלד אויף איר פּנים.
אַט נעמט זי אָן אַקוקורוזע פול באַזעצט מיט גרויסע קערנער —
זי דאַרף די הענט צעשפּרייטן אויף צו האַלטן זי פאַר ביידע ברעגן...
אַזוי־אַ חלומ׳ט זי פאַר זיך און לעקט זיך מיט דער צונג די ליפּן
און מיטאַמאָל — אַ קלאַפּ! זי כאַפּט זיך אויף: אַ דייזשקע איז נעפאַלן
און אונטער איר ליגט דעני פול מיט מעל און מיט געלעכטער...

און אַט איז שוין די יום־טוב׳דיקע נאַכט מיט מזל אָנגעקומען:
אַנטקעגן הויז, אין העל־שיין פון אַ פול־צעלויכטענער לבנה,
דריי גרויסע קעסלען הענגען איבער פלאַמענדיקע שייטערס.
אין איינעם פון די קעסלען קאָכט זיך ביסלעכווייז אַזוי דער מיראָפּ,
ער זידט און בלעזלט זיך און לאָזט פונאַנדער שמעקנדיקע פּאַרע;
אַ פּועל מיט אַ שטאַרק צעפלאַמט געזיכט, שטייט איבער אים געבויגן
און שוימט אַראָפּ פון אים דאָס אומריינע וואָס גייט אַרויף פון אויבן,
ביז ס׳ווערט געדיכטער זאַפט וואָס איז כמעט אין זיין קאָליר בורשטיניק.
אין צווייטן קעסל קאָכט זיך שוין דער זאַפט — גענומען פון דעם ערשטן,
און זידט און בלעזלט זיך און שפּרייט זיין פיינעם שמעקנדיקן ריח.
דער פּועל, מיט נאָך מער צעפלאַמטן פּנים, נעמט און גיסט אַריין דאָרט
אַביסל מילך און איי — עס איז פאַר ריינקייט דאָס אַ גוטע סגולה —
ביז ס׳ווערט אַזאַ געשמאַק געריבכט, אַז וועלכער מענטש וואָלט דען ניט גערן
אַ שטעק געטאָן אין דעם אַ פינגער און מחיה׳דיק באַלעקט זיך?
און אין דעם דריטן קעסל קאָכט זיך שוין דער האָנעקדיקער מאכל,
וואָס בלעזלט זיך און לאָזט פונאַנדער זיין מחיה׳דיקן ווייַרעך;
און דער צעפלאַמטער פּועל גיסט פון אים אַרויס דעם זאַפט אין בעקנס,
וואו ער פאַרהאַרטעוועט זיך און ווערט זיסער נאָך פאַר זיסטן צוקער.
און ס׳איז די נאַרע פינצטערניש געוויירעכט אין פאַרזיסט—אַז דאַרפסט נאָר
אַ שטעק טאָן, ברודערל, דיין צונג און פּשוט־פּראָסט די נאַכט אַ לעק טאָן!
און סאַוועס, פלעדערמייז און אוהוס פליען אום אַזוי אין טונקל
אַרום די שייטערס דאָרט און קוויטשען אויש פון שכרות. און עס קומען
די געסט, מיט גלעקלעך און מיט שליטנס, קומען איינער נאָכ׳ן צווייטן:
די עלטערע — צום שייער, און די יונגע בלייבן אָפּ אין דרויסן;
זיי נעמען הויפנס שניי אָן און באַגיסן זיי מיט הייסן צוקער,
וואָס ווערט אינגאַנצן גיך פאַרגליווערט; און דער קעניגליכער מאכל.



וואָס שניידט אַזוי מיט זיין פאַרפרוירנקייט און לינדערט מיט זיין זיסקייט,
ווערט גלייך פון זיי פאַרשלונגען און אין זייער בויך צעגאַנגען.
קינדרייסים מאַניען־צו די הינט. זיי זאָלן זייער פּיסק אַריינטאָן
אין הלעפּעוויריקן אָפּוּאַץ וואָס בלייבט איבער פון דעם זיסן מיראָפּ.
די הינט פאַרזוכן און פאַסטמאַקעווען פון דעם זיך. ס׳איז אַ שאַד נאָר:
די וואַקסענדיקע זיסקייט קלעפּט זיך און פאַרקלעפּט אַזוי דעם פּיסק זיי
אַז תיכף נעמען זיי אַרומלויפן מיט קרעכצן און געוואַיען
און די ווייס׳חברה׳ניקעס לויפן נאָך זיי מיט פריילעכן געלעכטער.

---

## יעקב הדם

# יוסף חיים ברענער

### (צום 25־טן יאָרצייט)

ווען איוב׳ן האָבן אונזערע חכמים געזאָגט, אַז לא היה ולא נברא אלא משל היה. אַמאָל דוכט זיך אַז יוסף ברענער איז געווען נישט מער ווי אַ משל.

אַט איז דער משל געווען פייערמאַן אין דער דערציילונג „חורף“: אַן אַנדערטמאָל (אין „מסביב לנקודה“) איז אַבראַמזאָן דער משל, און אין „במעבר לנבולין“ איז דער העלד פונעם זעלבן משל יוחנן א. או. וו. די דאָזיקע און אַנדערע געשטאַלטן אין זיינע דערציילונגען דעקן זיך אַזוי שטאַרק מיט זייער שעפער, אַז אפילו פאַר איינעם וואָס האָט אים געקענט פּנים אל פּנים דוכט זיך אַז אין דער ווירקלעכקייט איז נאָר נישט געווען אַזאַ פּערזאָן ווי ברענער.

ווען פייערמאַן רעדט וועגן זיין פּריסטער יוגנט דערציילט ער, ווי זיינע חברים פלעגן אים דערציילן די יאָרן — זיך רייצן מיט אים, חוזק מאַכן פון זיין הילוך, זיינע תנועות, גערופן אים אַלערליי צונעמענישן, געהאַלטן אים פאַר אַ בטלן, אַ פּאַרזעניש.

פייערמאַן (ד.ה. ברענער) האָט זיך גייסטיק גיכם געווען דורך דעם וואָס ער איז געוואָרן אַ גרויסער למדן, געלערנט מיט גרוים התמדה. זיך דערנענטערט וועט אין אַלץ און אַלעס אַרום אים, אָבער ווען מ׳האָט געזען ברענערן שוין אַ דערוואַקסענעם, אַ קרעאַטיווען ריז, האָט זיך אַלץ נערוכט, אַז דאָס איז די זעלבע געשטאַלט פון פייערמאַן. דער גוף איז גרעסער געוואָרן, און די אויסגעוואַקסענע פיגור מער מגושמדיק אָבער דער זעלבער ווען מ׳האָט אויסגעלאַכט און פאַרשפּאַט אינגלווייז.

פון דער ערשטער באַגעגעניש מיט ברענערן איז נישט געבליבן ביי מיר קיין שום רושם. עס געדענקט זיך איבערהויפּט נישט וואו מיר האָבן זיך געטראָפן. אויב מיין זכרון פאַרפירט מיר נישט איז דאָס געווען אין אַ געסל אין בריק ליין (פרינסעלעס סטריט) בעת אַ שטיקל טומל אַרום דער רעדאַקציע פון אַ ראַדיקאַלער צייטונג — אפשר „נייע צייט“ — פאַר וועלכער ברענער, אויב איך האָב קיין טעות נישט, האָט עפּעס געשריבן פאַר אַ קורצער צייט.

ברענערס אָנקומען אין לאָנדאָן האָט דאָך בלי ספק געמוזט מאַכן אַ

שטיקל רושם אין דעם קליינעם קרייז, צו וועלכן איך, א יונג בחורל נאר וואס אנגעהויבן שרייבן אין יידיש, האב באלאנגט, איז באמת קשהדיק וואס אין מיין זכרון איז לחלוטין נישט פארבליבן קיין זכר וועגן זיין אנקומען. אפשר דערקלערט זיך דאס דערמיט וואס ברענער, הגם ער האט שוין געהאט איבערגעריסן אלע באציאונגען מיטן „בונד" בעת ער איז געקומען קיין לאנדאן, האט אין דער ערשטער צייט זיך מער געפריינטעלט מיט דעם אזוי גערופענעם יידישן ראדיקאלן קרייז, פון וועלכן ער האט זיך גיך אפגעטרייסעלט. ווארום גראד אין לאנדאן האט אין ברענערן ווידער אויפגעלעבט די גרויסע ליבע צו ציון און צום יידישן פאלק, מער נאך ווי אין די יארן איידער ער האט זיך באטייליקט אינעם „בונד".

אבער אונזער באקאנשאפט האט זיך גיך אנטוויקלט אין כמעט אינטימער פריינטשאפט. איך זאג כמעט, ווייל איך בין מודה ומתודה, אז די אויסערלעכע משונהדיקייט פון דעם גרויסן מענטש האט ארויסגערופן א שטיקל ווידער־געפיל אין א מינדערוויכטיקן בלומרשטן. עסטעט רחמנא לצלן — מיין ווייניקייט. שפאצירנדיק אין די גאסן פון לאנדאן האט זיין געשטאלט תמיד געצויגן אויפמערקזאמקייט, און זיין פארצוג צו עסן גייענדיק אויף דער גאס, איידער אריינגיין אין א רעסטאראן האט נישט פארמינערט אויפאלענדיקייט.

אבער וואס פאר א הויכע נשמה עס האט געוואוינט אין דעם קרעפטיקן כמעט מגושמדיקן קערפער. אזא לויטערע נשמה, אזא באהארצטע ליבע נישט צו דער אבסטראקטער מענטשהייט — וואס ער האט פיינט געהאט תכלית שנאה און דערפאר געפילט א עקל צו א געוויסן מין יידישע און נישט־יידישע סאציאליסטן — נאר אמת איפריכטיקע ליבע צום פרט ווי צום כלל. אזא נשמה און אזא הארץ טרעפט מען זעלטן אין ווירקלעכן לעבן.

אט האט ער גערעדט מיט כעס. געשאטן גיפטיקע פיילן, געברומט מיט צארן — און צער — און מניה וביה האט זיך באוויזן א ליבער שמייכל וואס האט באשטראלט זיין אונאנציענרן איסזען. די היסטארישע רוגזה קעגן אלעמען און אלץ איז צושמאלצן אינדעם גליהענדן פלאם פון מענטשליכער ליבע — נאר מיט זיך האט ער זיך נישט איבערגעבעטן. אויף זיך אליין איז ער תמיד געווען בייז, געזוכט אין זיך פגימות, זיך דערנאנגען די יארן פאר חסרונות וואס ער האט נישט געהאט. א מענטש וואס איז ביינעשטאנען העכסט מענטשלעכע יוגנטלעכע נסיונות, א יוסף הצדיק, באזיגט אלערליי יצר הרע'ס, אפילו די תאוה צו עסן האט ער פונדעסטוועגן זיך כסדר געגריבלט אין זיינע חטאים — ער א זעלבסטלאזער. וואס האט פארניינט תענוגים (וועלכע ער האט קיינמאל נישט געזוכט) נאר אפילו די איינפאכסטע נייטווענדיקייטן, וואס איז געווען מוכן ומזומן אוועקצוגעבן דעם לעצטן שווער אנגעקומענעם בימן, נישט נאר צו פריינט, נאר צו ווילד־פרעמדע — ער האט זיך געזוכט חטאים און אפילו געפונען.

וואלט ברענער נישט געווען קיין גרויסער שרייבער, איינער פון די אריגינאלסטע שעפער אין דער מאדערנער העברעאישער ליטעראטור, וואלט ער



נעבליבן פארבארגן אין קאטעגאריע פון די ל"ו צדיקים. ער האט מיט זיין גאנצן אויסזען און באנעמונג געמאכט דעם איינדרוק פון א למדן־וואוניק, וואס ריכט אפ גלות. אבער א גאט־געבענטשטער קינסטלער, האט זיין ברויזנדער גייסט, זיין קרעפטיקע פרימיטיווע נאטור, געפונען אן אויסדרוק אין ווארט. דאס איז אייגנטלעך ביי אים, דעם שטענדיקן אמת־זוכער, נישט געווען דער עיקר. ער האט געוואלט פארדינען זיין בצימצומדיקע חיונה פון ארבעט. אין די פריערדיקע יארן האט ער געוואלט ווערן א סופר סתם. ער האט דוכט זיך אפילו פרובירט לערנען די מלאכת הקודש — און ווער נאך וואלט זיך אזוי געפאסט פאר אזא הייליקע ארבעט ווי שרייבן ספרי תורות, וכדומה. איז ער אוועק אויף אן אנדער וועג. האט ער זיך אויסגעלערנט זיין א דרוק־זעצער, נישט אזוי מחמת חיונה וואס איז ביי אים געווען די לעצטע דאגה, ווי צוליב קענען ברענגען נוצן דעם העברעאישן ווארט, מעורר זיין דער יידישער וועלט. וואלט ער נישט געארבעט אין א דרוקעריי, און אזא דרוקעריי ווי אין דעם אלטן פארחלוטן, העברעאיש פארליבטן נאראדיצקי, וואלט אפשר דער „המעורר" נישט דערשינען. און ברענער, ביי וועמען דער גרויסער שעפערישער כח האט זיך שטראמיק ארויסגעריסן כמעט אומבאוואוסטזיניק, האט געהאט אין זינען מער וועקן איידער דערציילן. ער האט געשאפן בעל כרחה, ווי ער האט אפט געמאכט דעם איינדרוק, אז ער לעבט בעל כרחה. נישט צוליב אייגענע צרות אדער דחקות; ער האט אפט געקענט בעסער לעבן, ער האט אבער נישט געוואלט. ווי שווער דאס איז אנגעקומען איידער מ'האט ביי אים געפועלט שרייבן וועכנטלעך קורצע ארטיקלען וועגן דער העברעאישער ליטעראטור, פאר דער העברעאישער ביילאגע צום „דזשואיש קראניקל", וועלכע די צייטונג האט אין יענע יארן ארויסגעגעבן פאר א קורצער צייט.

ברענער האט געליטן פון דעם „יידן־שמערץ", פון דער יידישער ירידה, פון דער ירידה פונעם העברעאישן ווארט, נאך דער דורכגעפאלענער רעוואלוציע. די נישט־יידישע יידן זיינען אים דערגאנגען די יארן. ווילן זיי נישט זיין יידן — איז נישט, אבער הלמאי רופן זיי זיך יידן און הלמאי האלט מען פאר יידן אויב זיי זיינען נישט יידיש. אמאל פלעגט ער שווייגן. איז דאס שווייגעניש נאך ערגער געווען ווי די קנאלענדע קללות, גרילצענדע אויסגעשרייען וועלכע פלעגן זיך ארויסרייסן פון א געפייניקטער נשמה — די געפייניקטע נשמה פונעם יידישן פאלק. און נאך שווערער ווי זיין שווייגן, איז אפט געווען דאס פייפן, לפחות דער פארזוך צו פייפן, נישט קיין באשטימטן ניגון, נאר סתם אפשר זיך להכעיס. אפשר א רמז דאס ער פייפט אויף אזא בשר ודם ווי ער איז. האט ער אבער דערזען א שיין קינד איז ער כהרף עין אויפגעריכט געווארן, געלאכט ווי א קינד, די פרייד האט ממש ארויסגעפלאצט, ווי דאס וואלט געווען זיין אייגנס.

מ'קען שרייבן שטריכן וועגן ברענערן, נישט קיין כאראקטעריסטיק פון זיין פערזענלעכקייט. ער איז געווען פול מיט סתירות. ער האט נישט געקענט

פאַרטראָגן די קלענסטע פאַרשוועכונג פון הייליקייט. אַליין אָבער האָט ער אָפט געלעסטערט; אפשר דערפאַר ווייל ער האָט געפילט, אַז זיין לעסטערונג קומט פון טיפער אמונה ווי איוב, האָט ער געהאַט טענות צו גאָט און ווי ירמיהו זיך געבייזערט אויפן פאָלק; טענות געמישט פון צער און רחמנות. ער איז געווען אַ מוכיח — מער קענען זיך אָבער אויך קענען די יידן וואָס רעדן און טוען נישט. ער דער ייד פון וואָרט, האָט געזוכט טאַט. און טאַט נאָר אין אַן אייגן יידיש לאַנד — אין ארץ־ישראל.

לאָנדאָן האָט זוכה געווען — ווייניק האָבן געוואוסט פון דער זכיה — אַז ברענערס ליבע צו העברעאיש זאָל אויפסניי אויפפלאַקערן; אַז פון דאָ זאָל קומען זיין וועכנטיש זיין „המעורר". פון לאָנדאָן איז ברענער פלוצלונג אַוועק קיין גאַליציען. די לעצטע טעג אין לאָנדאָן האָבן דערפילט זיין צער און ווייטיק. ווין יונגט פריינט, אורי ניסן גנעסין, איז געקומען אים באַזוכן. גנעסין איז געווען אַ חולה מסוכן און דאָס האָט פאַרשאַפט ברענערן מער פיין און לייד. אין גאַליציע האָט ברענער ווידער אַרויסגעגעבן אַ העברעאישע שריפט. אָבער ער איז באַלד אַפּגעפאָרן קיין א"י וואו ער האָט זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע שריפטן געווען אויסערגעוויינטלעך פּרוכטבאַר. אין א"י האָט זיין פאַרוואָגלטע און צובייזלטע נשמה געפונען מנוחה. הגם ער האָט גע־לעבט אַ כמעט איינזאַמען לעבן, האָט ער זיך אָבער געקוויקט דורך זיינע באַזוכן אין די קבוצות צווישן די חלוצים. ער איז אַגב אויך געוואָרן אַ לערער אין דער יפוער גימנאַזיע, און האָט איבעראַשט מיט זיין אויסעראָרדנטלעכער פעאיקייט אַלס לערער, אַ באַווייז אַז זיין נעמיט צושטאַנד איז געווען לאַין ערך בעסער. גרויס נחת רוח האָט ער געהאַט אין איבערזעצן די בריף פון יוסף טרומפּלדאָר, וועמען ער האָט ממש אידיאַליזירט פאַר זיין ליבע צום יידישן פאָלק און א"י.

מחמת זיין ליבע צו דער נאַטור האָט ברענער זיך געדונגען אַ צימער ביי אַ יידישער משפחה אין אַ דאָרף אין דעם יידישן קוואַרטאַל נישט ווייט פון יפו, פסח צייט 1921. דאָרטן האָט ער פאַרבראַכט די לעצטע טעג פון לעבן. דעם ערשטן מאַי אין יענעם יאָר האָבן צובושעוועטע אַראַבער גע־מאַכט אַן אָנפאַל אויף יידן. אין יפו האָט זיך געטומלט — אייניקע האָבן זיך דערמאָנט אַז ברענער געפינט זיך אין אַראַבישן קוואַרטאַל, ס'איז אָבער שווער געווען אין דער מהומה צו דערגרייכן דעם פונקט. פאַרנאַכט, יענעם טאָג האָט אַ יונגער מאַן, צבי שאַץ, זיך דערשלאָגן מיט אַן אויטאָמאָביל צום אָרט וואו ברענער און נאָך אַכט יידן האָבן זיך געפונען. איז אָבער נישט געווען קיין אָרט אין אויטאָמאָביל פאַר אַלעמען אוועקצופאָרן. מ'בעט זיך ביי ברענערן צו פאָרן, אָבער באַין אופן נישט; אַן די אַנדערע וועט ער נישט פאַרלאָזן דעם פּלאַץ. שאַץ אַליין איז צוריק נישט געפאָרן נאָר פאַרבליבן מיט ברענערן. דריי פון די אַכט זיינען אַפּגעפאָרן. אויפן צווייטן טאָג ווען מען איז געקומען ראַטן ברענערן האָט מען אים שוין געפונען אַ טויטן. טויט איז אויך געווען צבי שאַץ וואָס האָט איינגעשטעלט זיין לעבן פאַר אים. די



משפחה יאַצקאַר וואו ער האָט געוואוינט און נאָך צוויי יידן. אַזוי האָט יוסף חיים ברענער פאַרענדיקט זיין לעבן. אַ משונהדיקער מענטש, משונהדיק גרויס. און אַ משונהדיקן טויט. אַ טויט ווי טרומפּלדאָר וועמען ער האָט פאַר־הערליכט.

אַ לעבן פון גייסטיקע יסורים, אין וועלכע אַ הויכע נשמה האָט געפונען איר אויסדרוק אין גרויסע יצירות, און אומשאַצבאַרע קרעאַטיווע אוצרות. אַ לעבן וואָס איז ווי אַ משל, אָבער וואָס איז געווען אין דער ווירקליכקייט, געלעבט און געווירקט אויפן גאַנג פון דער יידישער ווירקליכקייט.

---

## ל. ש. קרעדיטאָר

### י. ח. ברענער דער מענטש

(ברעקלעך זכרונות)

אין זיין דראַמע „מעבר לגבולין", וואָס איז געדרוקט געוואָרן דאָ אין לאָנדאָן אין יאָר תרס"ז, זאָגט איינער פון די העלדן, יוחנן, וועגן אליהו חזקוני פאָלגנדעס:

„ווען ניט חזקוני, וועלכער האָט מיך אַרויפגענומען אויפן דעק פון דער שיף, וואָלט מיין נשמה צום גרונט געגאַנגען. ער האָט מיר באַוויזן וואָס עס מיינט אַ קראַנקער וואָס זאָרגט זיך פאַר אַן אַנדער קראַנקן. ער איז אַ געזונט און אַ קראַנק. ער האָט מיך אַפּגעהיט ביז מיר זיינען אָנגעקומען צום ברעג"...

שילדערנדיק אים, זיין אויסזען, זאָגט יוחנן ווייטער:

„אַלעס אין אים דריקן אויס אַן הכנעהדיקע גרויסקייט וואָס פאַרשטייט אַלץ און טראָגט אַלעס, האָט ליב אַלעמען און טוט גוטעס צו אַלעמען."

• • • •

ס'זיינען פאַראַן צוויי צוגאַנגען ווי אַזוי צו דערקאָנען אַ מענטשן מיט זיינע מעלות און חסרונות: אַנטוועדער מען וואוינט מיט אים אַ היפשע צייט, אָדער ווען מען לייענט וועגן אים פון אַזעלכע וואָס האָבן אים געקאָנט. אָבער דאָס איז נאָך נישט גענוג. מען דערקאָנט ערשט גרינטלעך, ווען מען געפינט זיינעם אַ העלד וואָס ער האָט אַליין געמאָלן, אַ העלד אין וועלכן ער האָט זיך פאַרקערפּערט, ער האָט זיך אין אים מתגלה געווען, אָט דערמיט וועט איר דעם מענטש אין זיין ריכטיקן געשטאַלט.

און דערפאַר איבער מען וויל האָבן אַ השגה איבער ברענער דעם מענטש, דאַרף מען זען דעם העלד זיינעם, אליהו חזקוני, און איר דערקאָנט באַלד י. ח. ברענער מיט אַלע זיינע רמ"ח אברים.

די דראַמע, „מעבר לגבולין", אָדער ווי ער רופט עס „טברי־מחזות", איז

ניִשט פון זיינע בעסערע שאַפונגען. אָבער גראָד אין איר, אין דעם טיפֿ „אליהו חזקוני“, דערקאָנט איר ברענערן.

קיין גרויסע ראָלע שפּילט דאָרט ניִשט חזקוני. זיינע דיאַלאָגן זיינען פון עטלעכע ווערטער, און די ווערטער זיינען ניִשט דערזאָגטע. און דאָך דערציילן זיי אייך אַזוי פיל, אַזוי טיף פיל מער פון זיינע אַנדערע העלדן וואָס טומלען, שרייען, דיסקוטירן און קרעכצן אויף וועלט צער, אויף דעם צער האומה און אויף דער ירידה פון אונזערע צוויי ליטעראַטורן.

אין אליהו חזקוני — ברענער — געפינט איר אַן אין־סוף׳דיקע ליבשאַפט צו קינדער, אַ ברייט וואַרעמפילנדע האַרץ צו יענעמס צער, אַ אָפענע האַנט צו העלפן מיט זיין לעצטן פעניג, אַ אמתע משה־רבנו עניוות און אַ דערהייבן קדושה נשמה. דאָס איז דער גאַנצער מהות פון י. ח. ברענער.

און זאָל דאָ מיר דערלויבט זיין צו פאַרצייכנען אייניקע שטריכן וועגן אים, וואָס וועט אפשר משלים זיין דעם געשטאַלט פון י. ח. ברענער צו זיין 25־יאָריקן יאָרצייט.

• • • •

מיין ערשטע באַגעגעניש מיט אים — דאָס איז שוין אַ מעשה פון אַנ׳ערך פערציק יאָר צוריק — איז געווען אין דעם הערצל־גאַרדזי לעזע־צימער, וואָס האָט דעמלט עקזיסטירט. אַריינגעקומען בין איך מיט מיינעם אַ חבר, אַ העברעאישער לערער, און באַמערקט אַ יונגן מאַן, זער אָרעם געקליידעט, אַ פולער געזונטער פנים, נאָר די דאגה איז געווען צושפּרייט אויף אים. מער ווי ער איז ניִשט געווען אין דער אָרעמער „לייברערי“. און איך ווייס עד היום ניִשט די סבה וואָס האָט אין מיר אַרויסגערופן צו פרעגן מיין חבר: ווער איז דער יינגערמאַן, וואָס איז אַזוי פאַרזונקען אין לייענען און שיינקט אונז ניִשט קיין איין בליק.

— דאָס איז דאָך י. ח. ברענער! — האָט מיין חבר געענטפערט אין הערשטיל. — וואָס, איר קאָנט אים גאָר ניִשט?

— י. ח. ברענער! — האָב איך אויפן קול אויסגערופן מיט התפעלות. — דאָס איז עס ער וואָס דריקט זיך זיין דערציילונג „מסביב לנקודה“ אין „השילוח“?

ער האָט אַרויסגענומען דעם קאָפּ פון זיין ספר און מיר צוגעוואָרפן אַ קאַלטן בליק, ווי איינער זאָגט: שוטה, וואָס פאַר ציגענע התפעלות?

איר דאַרפט אָבער פאַרשטיין, אַז מיט פערציק יאָר צוריק איז די באַציאונג צו אַ שרייבער און צו אַ געדרוקט וואָרט געווען גאַנץ אַנדערש ווי היינט. נאָך פאַר אַזעלכן, וואָס איז נאָר וואָס אַריינגעטראָטן אין דער לאַנדאַנער פרעסע, פאַר אַ אָנפאַנגער. ס׳איז דערפאַר קיין חידוש ניִשט וואָס איך בין אַזוי נתפעל געוואָרן, און מעגלעך דערפאַר, ווייל איך האָב זיך פאָרגעשטעלט דעם בעלעטריסטישן שאַפער פון „בחורף“, וואָס איז פריער געדרוקט געוואָרן



אין „השילוח“ און „מסביב לנקודה“, אַנדערש ווי איך האָב אים באַגעגנט אין לעזע־צימער.

און אַז איך בין דערנאָך צו אים צוגעגאַנגען און געגעבן שלום־עליכם האָט ער מיר אויך קאַלט געענטפערט, און שווייגנדיק מיט אַ פאַרוואָלקנדיקן פנים פאַרלאָזן דעם צימער, ווי ער וואָלט מורא געהאַט פאַר פרסום פון דאָס ער האָט געווייכט און ממש פיינט געהאַט ווי אַ פרומער ייד האָט פיינט חזיר.

ס׳האָט אָבער ניִשט לאַנג געדויערט ביז די ביסל אינטעליגענץ פון דער יידישער גאַס, די „לינקע“ אַזוי ווי די „רעכטע“, די העברעאיסטן ווי די יידישיסטן, האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום אים. און יעדע פּאַרטיי האָט אים פאַררעכנט פאַר זייעריקן. די סאָציאַליסטן און די בונדיסטן האָבן זיכער געהאַט אין אים אַ חלק, און די העברייער אַ חזקה. מען האָט אים גענומען באַשטעלן פאַר רעפעראַטן איבער ליטעראַטור און שרייבער, נאָר ווי זיין עקאָנאָמישע לאַגע איז, פון וואַנעט ער לעבט, דאָס האָט, כמעט, קיינער ניִשט געוואוסט. ברענער איז ניִשט געווען דער מענטש צו באַקלאָגן זיך, ברענער איז ניִשט געווען דער וואָס וועט חלילה נעמען פון אימיצן הילף. ער קאָן נאָר העלפן, אָבער ניִשט זיין פון די געהאָלפענע.

צו דער זעלבער צייט איז דאָ אָנגעקומען אַ חברטע פון „בונד“ אָדער פון סאָציאַליסטישן פליגל. חיהלע האָט מען איר גערופן, זער אַ חנודיקע, מיט געשאָרענע האָר, מיט קלוגע שוואַרצע אויגן, און האָט שוין דעמלט געוויכערט פּאַפּיראָסן. זי איז געוואָרן זער פריינטלעך מיט ברענערן. זי האָט אים, וואַרשיינלעך, נאָך געקאָנט פון רוסלאַנד, און פלעגט שטענדיק קומען וואו ברענער האָט רעפערירט. און אויך צו נאַראַדיצקין, וואו ברענער האָט אָנגעהייבן זיך לערנען זעצן.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז די חיהלע געקומען צו אונז אין הויז און געזאָגט, אַז זי רעכנט דאָס ברענער הונגערט אונטער. אפשר קאָן ער ביי אונז עסן מיטאָגן? מרס. קרעדיטאָר האָט זיך באַלד אָפּגערופן דאָס ער זאָל שוין היינט קומען, וואָס מיר וועלן עסן וועט ער עסן. ער וועט ניִשט בלייבן הונגעריק.

— אָבער — האָט זיך חיהלע אָפּגערופן — ער וועט ניִשט קומען סיידן איר וועט נעמען פון אים באַצאָלט פאַר די מיטאָגס.

— גוט, זאָל ער נאָר קומען, מיר וועלן שוין זען — האָט מיין פרוי געענטפערט.

אויף מאָרגן מיטאָגצייט איז ברענער געקומען, נאָר ער האָט זיך ניִשט געזעצט ביים טיש ביז מען וועט אים ניִשט זאָגן וויפל אים וועט קאָסטן אַ מיטאָג.

— זעקס פענעס . . זאָגט מרס. קרעדיטאָר.

ניין, ער וויל ניִשט, ס׳איז צו ביליק. ס׳האָט לאַנג גענומען ביז מען האָט געפועלט ביי אים, אַז פאַר זיבן פענעס קאָן ער האָבן דעם בעסטן מיטאָג.

מען וועט נאָך אַן אים פֿאַרדינען. געווייִנטלעך האָט ער דווקא געוואָלט געבן כאָטש נאָך אַ פּענע אָדער צוויי. נאָר חיהלע האָט צוגעהאָלפֿן און ס'איז געבליבן זיבן פּענעס פֿאַר אַ מיטאָג. און אַ היפּשע צייט איז ברענער געקומען יעדן טאָג מיטאָגצייט. געוואָרן אַ הויז פֿריינט. ליב געהאַט מײַנע צוויי מיידלעך, און פֿלעגט אָפּזיצן, אָפּטמאָל, לענגערע שטונדן ווען ס'פֿלעגן אַרײַנקומען באַקאַנטע שרײַבער, לערער און אַזוי קולטור־טוער.

אָפּזייענדיק מיט אונדז עטלעכע וואָכן האָבן מיר גענומען טראַכטן וועגן ברענערס קליידער. זיי זײַנען שוין געווען אַזוי אַלט און אָפּגעטראָגן, אַז ס'איז שוין געווען אומעגלעך זיי אָנצוטון. אָבער ווי מאַכט מען דאָס? ער וועט דאָך נישט וועלן מען זאָל אים אויסבאָרגן די פּאָר פֿונט פֿאַר אַן אָנצוק, און אייגענע האָט ער נישט געהאַט. מען האָט געמוזט אויסאַרבעטן אַ פּלאַן אַזוי, אַז ער זאָל נישט וויסן דאָס מיר ווילן וואָס טון פֿאַר אים. וואָרים בטבע איז ער דאָך אַן „אליהו הזקני" וואָס טוט נאָר און זאָרגט פֿאַר אַנדערע און וויל נישט מען זאָל זאָרגן פֿאַר אים.

מיר האָבן דעמלט געהאַט אַ באַקאַנטן שנײַדער, אַ לאַנדסמאַן, וואו איך האָב געגעבן זײַנע קינדער אַ „לעקאַך", און פֿאַרטרויט זיך פֿאַר אים דעם סוד, אַז מיר ווילן מאַכן ברענערן אַן אָנצוק. נאָר ער טאָר דאָס נישט וויסן. מען דאַרף די שטיקל אַרבעט מאַכן זער קלוג און פֿאָרזיכטיק. זאָל ער, דער שנײַדער, קומען צו אונדז אויף מיטאָג, ווען ברענער איז דאָ, און אינדירעקט אים נעמען אַ מאָס. איבערהויפּט איז דאָך די מאָס, ווען ס'וועט פֿאַרטיק ווערן וועט מען דעמלט זען.

ער אַזוי געקומען און דער שפּיל איז צוגעגאַנגען אויף אַזאַ מין אָריגינעלן אופֿן: דער שנײַדער האָט זיך באַקלאָגט, אַז ער איז „סלעק", און ער וואָלט געוואָלט אויפֿמאַכן עטלעכע אַנצוקס און דערנאָך זיי פֿאַרקויפֿן. ער דאַרף אָבער נעמען אַ מאָס פֿריער. ער קאָן דאָך ניט מאַכן גלאַט אין דער וועלט אַרײַן. ער וועט נעמען מײַן מאָס פֿריער. מײַן איז „סטאָק סײַז", און דערנאָך ברענערס מאָס, אַ ביסל ברייטער און לענגער. דער אומשולדיקער ברענער האָט זיך געלאָזן נעמען אַ מאָס. נאָכדעם ווי דער שנײַדער האָט גענומען מײַן מאָס. טון אַ געפֿעליקייט אַ שנײַדער פֿאַרוואָס נישט? און אין אַ וואָך אַרום איז דעראַנצוק פֿאַרטיק געוואָרן. ער האָט עס געבראַכט צו אונדז מיטאָגצייט, און נאָכן עסן האָט ער געבעטן מיר און דערנאָך ברענערן דאָס אָנמעסטן. אַזוי ווי ברענער האָט זיך געאײַלט גיין צו דער אַרבעט האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט פֿריער עס אָנמעסטן. ער איז אַרײַן אין צווייטן צימער, אָנגעטון דעם נײַעם אַנצוק, און ווײַל דער שנײַדער האָט כּלומרשט זיך געפֿאַרעט איבער אים האָט מרס. קרעדיטאָר גענומען ברענערס אַלטן אַנצוק און אַרײַנגעוואָרפֿן דאָס אין מיסט-קאַן, ווײַל מען האָט עס שוין לחלוטין נישט געקאָנט טראָגן. ברענער האָט געמוזט גיין צו דער אַרבעט אין נײַעם אַנצוק. ער האָט קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט, און דער שנײַדער האָט אים געטרייסט, אַז ער



זאָל נישט זאָרגן וועגן געצאָלט. ער וועט וואַרטן. ברענער וועט אים ביסלעכווייז אויסצאָלן. געווייִנטלעך האָבן מיר דעם שנײַדער גלײַך באַצאָלט 2 פֿונט 10 שילינג, און דעמלט איז פֿאַר אַזאַ סומע געווען גאָר אַ גוטער אַנצוק. אינעם נײַעם אַנצוק האָט ברענער גאָר אַנדערש אויסגעזען, גאָר נישט ווי אַ פּראָלעטאַריער . . .

האָבנדיק ברענערן אין הויז איז מײַן וואוינונג געוואָרן אַ קליין בית־ועד לחכמים. ס'זײַנען צו יענער צייט אָנגעקומען די שרײַבער ר' בנימין (ראַדלער), איצט אין ארץ־ישראל, בן־אליעזר (לאַזאַרסאָן), אשר ביילין, און די אינטע־לעגענטערע העברייִשע לערער און אַזוי סאָציאַליסטישע עסקנים. און מען פֿלעגט פֿאַרברענגען ביז שפּעט אין דער נאַכט. אָפּטמאָל פֿלעגט מען זיך צוזאַמענלייגן און קויפֿן פֿאַר אַ שילינג אָדער 18 פּענעס אַ פֿלעשל ווײַן. בײַ אַ גלעזל ווײַן פֿלעגט זיך ברענערס שטימונג דערהייבן, און פֿלעגט אָפּטמאָל אימיטירן די גרויסע מטיפֿים, אָבער מיט אָריגינעלע תורה. אַז מיר פֿלעגן אָנקוועלן און אָפּטמאָל לאַכן ביז היסטעריע. מען פֿלעגט אָבער אויך דיסקוטירן ערנסטע פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע פֿראַגן. און אַזוי ריידנדיק איז בײַ י. נאַראָדיצקי אין הויז און דרוק געשאַפֿן געוואָרן דער העברייִשער מאָנאַטלעכער זשורנאַל „המעורר". וואָס ברענער האָט אַרויסגעגעבן, וועלכן ער האָט אַליין געזעצט, אַליין געשלאָסן די פֿידזשעס, אַליין אין אַ רעקל אויפֿן פּלייצע גע־טראָגן אויף פּאָסט, און אַליין כמעט עס אויסגעפּילט.

ס'איז, לײַדער, צו קורץ דער פּלאַץ אויסצורעכענען אַלע אַרבעטן מיט וועלכע ברענער האָט זיך פֿאַרנומען צו העלפֿן אַנדערע, מיט טאַט און טרייסט, מיט האַרץ און נשמה, מיט מי און צייט. דעמלט האָט ער געפֿילט אַז ער לעבט ווען ער האָט געקאָנט וואָס טון פֿאַר אימיצן. אַז די אַרבעט איז ברענער געווען שטענדיק אין שטימונגען, פֿאַרזאָרגט, פֿאַרטרויערט און פֿאַרטראַכט. זײַן צער האומה האָט ער אויסגעדריקט אין אײַניקע פֿון זײַנע ייִדישע און העברייִשע אַרבעטן. ער פֿלעגט אַמאָל אַרומגיין אַ טאָג פֿאַרטראַכט צו געפֿינען דעם ריכטיקן העברייִשן וואָרט פֿאַר אַ געוויסן קעגנשטאַנד. איינמאָל בײַם מיטאָג עסן האָט ער מיר אַ פֿרעג געטון:

— ווי וואָלט איר גערופֿן אַ „דאַמע" אויף העברייִש. אַ דאַמע וואָס מען מעסט אָן אויף דעם קליידער?

— „גוף" אָדער „גולם" — האָב איך זיך אָפּגערופֿן.

— יאָ, ס'קאָן זײַן. ביידע ווערטער צוזאַמען. גולם־גוף אָדער גוף־גולם. נישטאָ קיין אַנדער וואָרט אין העברייִש. אפֿשר ערגעץ אין אַ מדרש קאָן מען עס געפֿינען. מיר איז עס נישט באַקאַנט.

אין אמתן ווען אַזאַ וואָרט וואָלט געווען אין אַ מדרש אָדער הגדה וואָלט ברענער דאָס שוין געוואוסט, ווײַל ער האָט כמעט אין ספֿר נישט אויסגעלאָזן פֿון דער אַלטער רבנישער ליטעראַטור וואָס ער האָט נישט אַרײַנגעקוקט.

נאָך אַ קליינעם אינצידענט איז כדאַי צו דערמאָנען, הגם ס'איז פֿאַרהאַן פֿילע אַנדערע חשובֿערע דורך וועלכע מען קאָן אַרויסזען ברענער דעם

מענטש, נאָר יענע אַנדערע איז נישט גאָר ראַטזאַם צו דרמאַנען, ווייל עס קאָן פּיליכט. באַרירן זייער כבוד, דערפאַר איז גלייכער צו דערמאַנען נאָר אַזעלכע עפּיזאָדן אין וועלכע דער שרייבער אַליין פיגורירט.

איך בין דעמלט אַריין אַלס מיטאַרבעטער אין „יידישן זשורנאַל“. וואָס דער ווילנער גביר, מר. אַנשל זשוק ע״ה, האָט געגרינדעט ניט אַזוי פאַר פּראָפיטן ווי פאַר דערציאונגס צוועקן און אויך אַ ביסל כבוד. איך האָב נאָך דעמלט קיין ענגליש נישט געקאָנט, און זשוק האָט מיר געגעבן אַ לענגערן ענגלישן אַרטיקל איבערצוזעצן פאַר דער צייטונג. איך האָב זיך ענטזאָגט, ווייל מיין ענגליש איז נישט גענוג פאַר דעם. אויב אַזוי — האָט ער זיך אָפּגערופן — קאָן איך אייך נישט באַנוצן אין מיין צייטונג. און ער האָט מיר געגעבן „נאָטיס“. מיטאָגצייט האָב איך דאָס דערציילט ברענערן. ער איז געוואָרן מלא חימה און זיך אָפּגערופן: „אויב אַזוי, וועל איך אים נישט געבן דעם אַרטיקל וואָס ער האָט ביי מיר באַשטעלט. אַזאַ בורזשוי! האָט ער דען נישט געוואוסט, אַז איר זייט נאָך אַ גרינער און קאָנט נישט איבערזעצן אַן׳ענגלישן אַרטיקל? איך וועל אַזאַ ד.אַ. נישט געבן קיין אַרטיקל.“

ווען זשוק האָט זיך דערפון דערוואוסט האָט ער צוריקגעצויגן די „נאָטיס“. און איך געדיינק נישט גענוי צי ברענער האָט דערנאָך געגעבן זיין אַרטיקל אָדער נישט. אַלץ וואָס איך געדיינק איז, אַז ברענער איז אָנגעקומען אין „יידישן זשורנאַל“ אַלס אַ זעצער. און ווען נאָר איך פלעג אים דערלאַנגען מיין קאָפּיע צו זעצן האָב איך זיך געפילט אַזוי דערשלאָגן, אַזוי אומעטיק. און פלעג אָפּט צו אים זאָגן: „ברענער, איך שרייב און איר זעצט! אַ קאָמעדיע, האַ? אָדער אַ טראַגעדיע?“

ער פלעגט אָבער גומוטיק מיר דערמוטיקן: „נו, מה רעש, מהיכא תיתא.“ מיט אַזוי פיל וואַרעמקייט, דערמוטיקונג און מיט אַזוי פיל אייגענע עניוות, אַז איך פלעג ווערן מונטערער און אינספּירירט פון זיינע רייד, און מיר דוכט, אַז איך פלעג דערנאָך אָנשרייבן אַ בעסערן אַרטיקל אָדער סקיצע.

ווען די פאַנטאַזיע שלעפּט מיר אַוועק צו יענער ברענער עפּאָכע אין לאָנדאָן, און ברייננגט אַרויף פון תהום הנשיה די זכרונות איבער ברענערן דוכט זיך, אַז דער נאָמען „ברענער דער מענטש“ זאָגט נישט פיל איבער אים. מער דייטלעכער וואָלט געווען ברענער דער צדיק, ברענער דער חסיד, ברענער דער ענו, אָדער אַלע דריי תוראים צוזאַמען. דאַן וואָלט עס אויסדריקן זיין געשטאַלט. דאַן ערשט וואָלט מען געפילט די אבידה, און דאַן ערשט וואָלט מען געוואוסט, דאָס אַזוי ווי ער האָט זיין לעצטע שטונדע פון לעבן מקריב געווען צוליב אייניקע חברים, אַזוי האָט ער זיין גאַנצן לעבן געווידמעט פאַרן יחיד ווי פאַרן רבים און זיין זכרון ביי אונז וועט בלייבן לנצח אַזוי ווי די אַלע יידישע העלדן און מאַרטירער פון אונזער בלוט און טרערן געשיכטע.



## מלך כמיעלניצקי

. . .

כ׳האָב קיינמאָל דעם טויט נישט גערופן אויף פוסטע און איינזאַמע וועגן.
און קיינמאָל זיין שאָטן געזעען. וואָס גייט מיר פון ווייטן אַקעגן.
ס׳האָט קיינמאָל מיין שטערן פאַרוואָלקנט די פוסטקע פון אייביקער נאַכט —
כ׳האָב קיינמאָל דעם טויט נישט גערופן און קיינמאָל פון טויט נישט געטראַכט.

כ׳האָב אָפטמאָל מיט יאוש פאַרשאָלטן דעם פלאָנטער פון שטומע מזלות
און אייגענע טרוימען באַשפּיגן און יאָרן געזעגנט מיט קללות.
כ׳האָט אָפטמאָל אויף בלאָטיקע וועגן געבלאָנזשעט פאַרמאַטערט. פאַרשמאַכט —
נאָר קיינמאָל דעם טויט נישט גערופן און קיינמאָל פון טויט נישט געטראַכט.

כ׳האָב בלעטער פאַרגעלטע געטרעטן און בלומען געזעען פאַרוויאַנען.
כ׳בין אָפטמאָל מיט אויגן פאַרווייַנטע ביי אָפענע קברים געשטאַנען.
כ׳האָב בלוטיקע שלייפן געזעען און ליפן פאַרבלאָעט און פאַרשמאַכט —
נאָר קיינמאָל, נאָר קיינמאָל אין לעבן פון אייגענעם טויט נישט געטראַכט.

היינט בין איך פאַרנאַכט צווישן לאָנקעס אויף זאַמדיקע ברעגן געגאַנגען.
עס האָבן אין לופט זיך געטראָגן פאַרבענקטע און שטילע געזאַנגען.
דער מערב האָט בלוטיק געפלאַקערט און תאוהיק אַליין זיך פאַרצערט,
מיט ראָזאָווע שיינען באַגאָסן דעם הימל, דעם טייך און די ערד.

ס׳האָט עפּעס געשעפּטשעט אַ ווערבע — פון סודות אַן׳איינזאַמער וועכטער.
און ערגעץ האָט הילכיק צעשאָלט זיך אַ מיידלשער. פרישער געלעכטער.
אַ רגע געהאַנגען אין לופטן, אַ רגע געציטערט. געשאָלט —
און ערגעץ אויף גראָזן געפאַלן און ערגעץ פאַרזונקען אין וואַלד.

און איך האָב די ראָזאָווע שיינען געטרונקען מיט דאָרשטיקע אויגן.
כ׳האָב שטום אינם אוונט פאַרוועבט זיך און שטיל זיך צום מערב געצויגן.
און פלוצים האָט עפּעס דערשראָקן געציטערט. געפלאַטערט מיין האַרץ.
די זון האָט אַ שאָטן פאַרשטעלט מיר — אַ שאָטן פאַראומערט און שוואַרץ.

און עפּעס האָט שטיל אין מיין האַרצן אַ פחד אַ פרעמדער געציטערט.
ס׳האָט טיף דאָרט אַ קרעכץ זיך געריסן פון אייביקן ווייטאָק פאַרביטערט.
און כ׳האָב זיך מיט ציטריקע ליפּן צו שעפּטשען דאָס וואָרט נישט געטרויט
און האָב דאָך געפילט און פאַרשטאַנען: ער קומט שוין פון ווייטן—דער טויט.

ער גייט שוין, ער גייט שוין אַקעגן... עס לויפן און איילן די שעהן.
אַ האַרץ מיינס, ווי וועט עס דיר באַנג טון פאַרלאָזן דעם הימל דעם בלאָען,
פאַרלאָזן געזאַנג און געלעכטער, דעם זומערטאָגס גאָלדענע פּראַכט —
אויף אייביק פאַרמאַכן די אויגן, פאַרזינקען אין אייביקער נאַכט.

## פּרץ זילבערבערג

# דער יאָר־טאָג פון וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד

ווי אַ ווינט איז עס אַדורך אונזער באַוואוסטזיין מיט דריי יאָר צוריק, אָבער פריש איז עס נאָך אַלץ. נאָך שטייען מיר פאַר די אויגן די בילדער, וועלכע איך האָב זיך געמאָלן אין די טעג, ווען כ׳האָב מיט אויסערגעוויינלעכער שפּאַנונג נאָכגעפאָלגט די געהיימע ראַדיאָ־באַריכטן, אַז וואַרשע קעמפט; וואַרשע שטאַרבט; אַ נייער דור גלאַדיאַטאָרן לעבט; אַז ספּאַרטאַקוס שטייט ווידער נאָ־שפּיץ פון די שקלאַפן און פירט אַן מיט זייער קאַמף אויף לעבן און טויט. עפּעס האָב איך אָנגעהויבן צו ווערן אַן אַנדערער מענטש. אין מיטן דער שרעקלעכער זאַוויערוכע, אין מיטן מבול רייסט זיך, ווי אַ שטראַל פון ווייטן, דער קלאַנג — דאָס שלאָגט זיך וואַרשע! דאָס העלדישע וואַרשע קעמפט! אַ טויט דעם שונא! איז זייער ציל... שטאַרק, ווי פרייע מענטשן, פאָדערן זיי אַ הויכן פּרייז פאַר זייער לעבן.

צי זענען זיי דען נישט געווען דער גלאַנץ פון אונזער פאָלק; דער רום פון אַלע פרייהייט־ליבנדע מענטשן? יאָ, דאָס זענען זיי אָן ספק געווען! זיי האָבן דאָך מיט זייער טאָט צוריק דערהויבן די ווירדע פון אונז אַלע, פון דער גאַנצער וועלט. נישט ווי שאָף וועלן מיר זיך לאָזן פירן אין די קאַלך־אויוונס אַריין, נאָר ווי שטאָלצע, פרייע מענטשן וועלן מיר אייך — פאַרשאָלטענע דייטשן — באַגעגענען אין האַרטנעקיקן קאַמף. און אַזוי־אַ, מיט פייער און שטאָל, האָט דאָס יידישע וואַרשע זיך געשטעלט אַקעגן דעם דייטשן מערדער.

צו מיר האָט זיך דער אָפּקלאַנג פון וואַרשע דערטראָגן דורך די פאַרמאַכטע טויערן פון לאָדזשער געטאָ. ווי אַן אָפּפרישנדיקער שטראָם האָט ער אויף אונז געווירקט.

דעם 19־טן אַפּריל, 1943, האָט זיך די ס.ס. געגרייט צו ליקווידירן די וואַרשעווער געטאָ, וועלכע איז שוין, אין יעדן פאַל, געווען זער קליין. אָבער עס האָט שוין דעמלט, אין וואַרשע, געאַרבעט די אומלעגאַלע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. און וויסנדיק שוין פון פריער וועגן דעם דייטשן פּלאַן, האָט מען די ערשטע אַריינמאַשירנדיקע אָפּטיילונגען אויפגענומען מיט אַ קרייץ־פייער פון ביקסן און רעוואָלווערן... אויף אַזוינס האָבן די דייטשע „העלדן" זיך נישט גערעכנט. ווי די האָזן זענען די דאָזיקע מכלומרשטע העלדן אַנטלאָפן. זיי האָבן דאַן געבראַכט פאַרשטאַרקונגען פון מאַשין־געווער און אויך האַרמאַטן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן רעגולערע קאַמפן. פון איין זייט אַ מחנה דייטשן, באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס מיט די מאָדערנסטע וואָפנס, און פון דער אַנדערער זייט אַ הייפל מענטשן, גלוביק־באַגייסטערטע, מיט בלויזע רעוואָלווערן און האַנט־גראַנאַטן. אָבער געקעמפט האָבן זיי ווי גלייכע מיט גלייכע; די דייטשן האָבן פאַרלוירן עטלעכע הונדערט טויטע און הונדערטער פאַרוואונדעטע.



דער קאַמף איז ליידער נישט געווען קיין גלייכער. ביסלעכווייז איז וואַרשע אָפּגעגאַנגען מיט בלוט; די בעסטע יידישע זין און טעכטער האָבן געלייגט זייערע לעבנס אויף וואַרשעס באַריקאַדן־מזבחות. אַזוי זענען אומגעקומען דער העלדישער מיכאל קלעפּפיש, דער קאָמענדאַנט מרדכי אַניעלעוויטש און הונדערטער גוט־באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע העלדן; דער שטאָלץ פון אונזער פאָלק.

זייער גלאַנץ וועט מיט העלער ליכט תמיד לייכטן פאַר אונז יידן און פאַר אַלע מענטשן, וואָס ליבן די פרייהייט.

און איצט, ווען צו דער דריטער יאָרצייט פון אייער העלדישן אויפשטאַנד, מיר שטייען מיט געבויגענע קעפּ פאַר אייערע קברים, שווערן מיר אייך, איר גבורים צווישן די העלדן פון יעדער צייט. אַז אייער אָנדענק וועט בלייבן ביי אונז פריש; אין אייערע וועגן וועלן מיר גיין; מיט אייך וועלן מיר שטאָלצירן; אייער בלוט וועט נישט בלייבן בחינם פאַרגאָסן — מיר וועלן נעמען נקמה!!! מיר וועלן אויסקעמפן אַ פרייע וועלט, און דאַן וועלן מיר פאַר אייך — הייליקע מאַרטירער — אויפשטעלן דעם טייערסטן מאָנומענט, וואָס וועט זיין אַ וועגווייזער פאַר אַלע צייטן.

טייערע חברים, צו דער דריטער יאָרצייט פון אייער העלדן־טויט, בייגן מר די קעפּ פאַר אייער הייליקן אָנדענק!!

---

(פּרץ זילבערבערג, אַ באַפרייטער פון די קאָנצענטראַציע לאַגערן, באַפרייט געוואָרן אין מאַי 1945. געבוירן אין לאָדזש. איצט צווישן די אָפּגעראַטעוועטע יינגלעך דאָ אין לאָנדאָן.)

## אליהו פּאַלושאַק

### דער יידישער ערשטער מאַי

(דעם אומבאַקאַנטן יידישן קעמפער געווידמעט)

ווידער איז דער מאַי געקומען
מיט זיין צויבער, מיט זיין פּראַכט —
אַלע גראָזן, אַלע בלומען
זיינען ווידער אויפגעוואַכט.

אַזוי האָט מיט 50 יאָר צוריק געזונגען דער גרויסער פּאָעט, דער „שניידער־געזעל" מאָריס ראָזענפעלד. און די פּשוטע זאַפטיקע צוויי־טאַקט־פערזן האָבן אָפּגעקלונגען אין אונזערע הערצער און האָבן געוועקט פרייד, האָפענונג און ווילן צום לעבן.

דער ייד פון די גרויסע קבוצים אין מזרח-אייראָפּע האָט, טראָץ אַלע באַגרענעצונגען און באַרבאַרישע געזעצן פון „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ", קיינמאָל נישט פאַרלוירן זיין נאָענטע באַציאונג און ליבע צו דער נאַטור. איז דאָך אונזער יידישע ליטעראַטור פון מענדעלע מוכר ספרים, שלום עליכם און אַש ביז צו די ייִנגסטע דיכטער דער בעסטער עדות פון אונזער נאָענטקייט און ליבע צו גאָטס וועלטל און צו אַלעמען און אַלץ וואָס וואַקסט, שפּראָצט, לעבט און בליט.

אפשר איז אונזער ליבע און פאַרשטענדעניש צו נאַטור נישט אַזוי פּאַטעטיש און דעקלאַמאַטאַריש, ווי ביי די אומות העולם. דערפאַר זיינען מיר דאָך איינגעצוואָנגט געווען אין אַ שווער און האַרט לעבן, האָבן מיר דאָך געטראָגן דעם יאָך פון אַן׳אונטערדריקטער עדה.

דער גייסטיקער און פּאָליטישער ליבעראַליזם פונם ניינצענטן יאָרהונדערט און דאָס אויפקומען און אויפשטייגן פונם פערטן שטאַנד מיט זיינע סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און עטישע פאָדערונגען פון פרייהייט, גלייכקייט און ברידער־לעכקייט, האָט די אייראָפּעאישע מענטשהייט געצוואונגען זיך צו באַציען הומאַנער צו אונז יידן. מיט פאַראַכטונג האָט די פּראָגרעסיווע וועלט געקוקט אויף דעם צאַריסטישן רוסלאַנד, וואָס האָט אונטערדריקט נאַציאָנאַלע מינדער־הייטן בכלל און יידן בפרט.

און אומעטום, וואו אונטערדריקטע האָבן געקעמפט, האָט מען אָנגעהייבן איינצושליסן דעם יידישן כלל אַלס מיטקעמפער פאַר פרייהייט, גלייכקייט און ברידערלעכקייט. דאָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון 1789 און האָט זיך מיט קליינע אונטערברעכונגען פאָרגעזעצט ריין און אָרגאַנטלעך ביז עס זיינען געקומען די שטורעמונגען פון דער „נייער צייט".

אינם יאָר 1889 אויף דעם באַקאַנטן פּאַריזער קאָנגרעס פונם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל איז געוואָרן באַשלאָסן איינצופירן די ערשטע־מאַי־פייערונגען אַלס שטענדיקע איינריכטונג פונם קעמפערישן פּראָלעטאַריאַט. געזען פונם פּערספּעקטיוו פון דער היינטיקער צייט זיינען די קאַמף־פּאַראַלן פון דעם דאָזיקן יום־טוב נישט געווען קיין געוואַלטיקע. אַ קאַרדינאַל פאָדערונג איז געווען דער אַכט־שעהדיקער אַרבעטס־טאָג אומעטום, אויף דער גאַנצער וועלט, פאַר אַלע שאַפנדיקע מענטשן.

און עס איז גאָר קיין ספק נישט געווען, אַז ווען מען זאָגט אַלע, זיינען ממילא אויך געמיינט די יידישע שאַפנדיקע מענטשן.

און אַזוי איז עס געווען. פּראָגרעסיווע יידישע אַרבעטער און אינטעלעק־טועלע האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו די לעגאַלע און אומלעגאַלע סאָציאַליסטישע און פּראָגרעסיווע קאַמף־אָרגאַניזאַציעס אין אייראָפּע און מעבר לים.

ווען אַכט יאָר נאָך דעם פּאַריזער קאָנגרעס ס׳איז אויף אַ בוידעם־שטיבל אין ווילנע געשאַפן געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיקע יידיש־סאָציאַליסטישע אַרבעטער-באַוועגונג, דער „בונד", און אַ פּאָר יאָר שפּעטער די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע גרופּן, באַקאַנט אַלס פּועלי־ציון, האָבן יידישע אַרבעטער אָפּן



און באַהאַלטן, ווי די אומשטענדן האָבן דערלויבט, אָנגעהייבן מיטצומאַרשירן מיט די קעמפערישע כחות פון דער גאַנצער וועלט.

עס איז געווען נאַטירלעך, אַז די אויפשטייגנדע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט מיט ווינציקע אויסנאַמען פון אָנהייב אָן געהאַט אַ יידיש פּנים און געטראָגן אַ יידישן כאַראַקטער. און אַ יידיש פּנים און יידישן כאַראַקטער האָבן אויך געטראָגן באַוואוסט אָדער סטיכיש די ערשטע־מאַי־פייערונגען פון די יידיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונגען.

אינם אַמאָליקן רוסלאַנד, פּוילן און ליטע, וואו אַן׳ערשטע־מאַי־פייערונג האָט געשמעקט מיט קאַטאָרגע און סיביר, האָט מען פאַראַנשטאַלטעט געהיימע „גולאַיקעס", מאַיוווקעס, אין אַ וועלדל, אויף אַ בית־עולם אָדער אַ חורבה. מען האָט געהאַלטן יידישע רעדעס. מען האָט דעקלאַמירט און געזונגען יידישע קאַמף־לידער.

און האָט מען זיך נישט געטראָפן אין דרויסן, וואו „אַלע גראָזן, אַלע בלומען זיינען ווידער אויפגעוואַכט", האָט מען אימפּראָוויזירט אַ חתונה, אַ בר־מצוה־פייער וכדומה, אָדער מען האָט זיך סתם געטראָפן אין אַן׳ענג בוידעם־שטיבל. און ווער עס ווייס צו וואָסער התלהבות יידישע סאָציאַליסטן פון אַמאָל זיינען געווען פעאיק, וועט זיך נישט וואונדערן צו וויסן, אַז פּלוצים פון אַ ווינקל האָט זיך דערהערט דאָס שלוכצן פון אַ מיידל ביים זינגען:

„מיר ווערן געהאַסט און געטריבן,
מיר ווערן געיאָגט און געפּלאָגט,
און אַלעס דערפאַר, ווייל מיר ליבן
דאָס אָרימע, שמאַכטענדע פאָלק."

דאָס ווייגען איז געווען אַ געמיש פון יידישער עצבות און פרייד, פון מעלאַנכאָליע און האָפענונג — אָפּט צו געפינען ביי מענטשן, וואָס מוזן קעמפן ביי די שווערסטע באַדינגונגען.

אין יאָרן שפּעטער, אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אונטער די אויגן פון דער דייטשער אָקופּאַציע-מאַכט, איז אין פּוילן, ליטע און ווייסרוסלאַנד געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פון נייע פּראָגרעסיווע יידישע קולטור־צענטערס, אויפגעבויט און געטראָגן פון די יידיש־סאָציאַליס־טישע אַרבעטער־מאַסן און פּראָגרעסיווע אינטעליגענץ. זייערע ערשטע־מאַי־פייערונגען זיינען געוואָרן אָפענער און „לעגאַלער". און האָבן באַקומען אַ קינסטלערישן און דערציערישן ווערט. עס זיינען געווען יום־טובים פון אַ פאַרשוואוירענער געמיינשאַפט, וואָס איז גרייט צו לעבן און צו קעמפן מיט אַלע פעלקער פון דער ערד פאַר אַ בעסערע יושרדיקע וועלט. און האָט דאָך געטריי געהיט די ירושה פון יידישער גייסטיקייט און קולטור אין אַ נייער פאָרעם.

און גלייביק זיינען געווען די דאָזיקע מענטשן! די אומנה אין זייערע אידעאַלן איז נישט געווען מינדער־הייליק, ווי די אומנה פון קדושים, וואָס זיינען גרייט זיך מקריב צו זיין אויף קידוש השם.

ווען נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע עס האָבן יידישע עמיגראַנטן פון בערלין געפייערט דעם ערשטן מאַי אינם דאַרטיקן י. ל. פרץ־פאַריין, און איינער פון די פעסטרעדנער, אונזער חבר טיקאָטשינסקי, האָט צום סוף אויסגערופן אין לאַטייניש: Ex orienta lux (ממזרח תצא השמש), האָבן מיר נאָך זיין פאַטעטישן אויסרוף געגלייבט אינם קומען פון אַ נייער עפּאָכע, ווען די זון וועט שיינען איבער דער גאַנצער וועלט, איבער אַלע פעלקער, און יידן בתוכם...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און וואָס ליגט צווישן דעמלט און היינט, איז די „נייע צייט". פעלקער האָבן פאַרראַטן זייערע גרויסע אידעאַלן, און האָבן קיין נייע נישט באַקומען. אַ רעטעניש בלייבט, וואָס וועט זיך אויס דעם כאַאָס אַרויסשיילן. זאָגט איינער: „בעל כרחך אתה חי". און דער אַנדערער וויל פאַרגעסן, און יעדער וויל עפּעס אַנדערש, און דאָס איז נאַטירלעך. מיר הערן נישט אויף צו ציילן אונזערע פאַרלוסטן: אונזערע הרוגים און קדושים. מיר ציילן אונזערע רעשטלעך פון פוילן, ליטע, אונגאַרן, בעלגיע, וכו׳. ווער האָט ליב צו וואוינען אין אַ שעכטהויז אָדער בית־עולם? — זיי האָבן קיין ברירה נישט, זיי מוזן. „בעל כרחך אתה חי". און הונדערטע טויזנטער וואַלגערן זיך אַרום אין לאַגערס פון דייטשלאַנד און איטאַליע, און איין גאָט ווייס וואו נאָך, און די הערשער פון דער וועלט האָבן „נעבעך" נישט קיין פלאַץ פאַר זיי.

יידן זיינען מיטמאַרשירט און האָבן געקעמפט מיט אַלע פּראָגרעסיווע כחות פון דער וועלט. מיר האָבן קיין באַזונדערן לוין דערפאַר נישט פאַרלאַנגט. און קענען די אומות העולם, די אַמאָליקע קעמפער פאַר פרייהייט, גלייכקייט און ברידערלעכקייט אונז נישט העלפן, טאָ זאָלן זיי זשע ווייניקסטנס נישט שטערן, ווען מיר, די פּראָלעטאַריער אין דער פעלקער-משפחה פון דער וועלט, ווילן אויפבויען אַ ניי לעבן.

עס ברומט אין אויער דער פשוטער צוויי־טאַקטער פון מאָרריס ראָזענפעלד: „ווידער איז דער מאַי געקומען מיט זיין פויבער, מיט זיין פּראַכט", און עס בענקט זיך נאָך אַן אמתן יידישן ערשטן מאַי.



אברהם ציקערט

## ווען די זון וועט ווידער קומען

ווען די זון וועט ווידער קומען, וועל איך פרייען מיך אַזוי,
כ׳וועל אַרויסגיין אויף די וועגן פילן ווי עס פאַלט דער טוי,
כ׳וועל די ערד מיט פרייד אויסקושן אין איר מאַרגנדיקער פּראַכט,
און די זון וועט מיר אויסהיילן, מיינע וואונדן פון דער נאַכט.

און איך גלויב נאָך, אַז סע וועט מיר גלייך דערביי אַ נס געשעען,
כ׳וועל פון זון אַ ליכט באַקומען און וועל אַלעם ווידער זען,
און עס וועט דער טאָג מיך האָבן, אַלס אַ ניי געבוירן קינד,
ס׳מוז די זון איר ליכט מיר געבן, ווייל איך בין פון נאַכט שוין בלינד...

מיט די פינגער אינם חושך זוך איך... נאָר כ׳קען שוין נישט מער,
כ׳פאַל אויף אַש פון פרעמדע קערפּער... און עס ווערט מיר אַזוי שווער,
אפשר איז עס נאָר מיין טאַטע... אָט דאָס אַש אין מיינע הענט?
ס׳איז מיין מאַמע, ס׳איז מיין שוועסטער. יאָ, כ׳האָב דעם רויך דערקענט.

אַזוי קען נאָר אין מיינע אויערן רוישן בלויז, ווען מיין מאַמע רופט,
ס׳דרייט אין קאָפּ אַ רויע ווילדקייט און פילט אויס די גאַנצע לופט
און ס׳ווערט אַלץ גרעסער, גרעסער, ס׳פרעסט מיך אויף אַ בייזער כעס:
מאַמע, איז דאָס לעבנס־אמת, אָדער מיינס אַ משוגעת?...

פאַרוואָס שווייגסטו טריקן בערגל, לאָזט מיך שרייען אין דער נאַכט
פאַרוואָס ענטפערסטו נישט, טאַטע, ועסטו נישט ווי ס׳אומגליק לאַכט?
אונזער נויט פאַרשטייט נישט קיינער. — הערסטו טאַטע וואָס איך זאָג?
איך אַליין וועל אויך פאַרגעסן איבּ דערלעב איך נאָר דעם טאָג.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען די זון וועט ווידער קומען, וועל איך פרייען מיך אַזוי,
כ׳וועל אַרויסגיין אויף די וועגן פילן ווי עס פאַלט דער טוי,
כ׳וועל די ערד פון מאָרד נאָך קושן אין איר מאָרגנדיקער פּראַכט,
כאָטש קיין זון וועט מער נישט היילן אָט די וואונדן פון דער נאַכט.

## שמואל ווהיט

### א הייזל מיט א שטרויענעם דאך

א הייזל מיט שטרויענעם דאך,
פענסטערלעך פיר בע'חנ'טע,
מיט פארהענגלעך,
באלויכטענע באשיינטע.

לעבן זיך מענטשעלעך
אין גליק און אין פריידן,
דאס הייזעלע א ירושה,
פון באבען און זיידן.

בעלקעלעך, טרוקענע, אלטע,
ווענטעלעך, קוים וואס האלטן;
שטערענדלעך ליכטיקע,
שיינען דורך די שפאלטן.

יעדעס ווינקעלע, יעדעס ווענטעלע,
אזוי הייליק אזוי טייער,
און אין קוימענדל
פלעטלט א פייער.

אויסגענאסן גאטס ברכה
פון פרייד און פריידן,
א ברכה, א בענשונג,
פון דער באבע און זיידן.





### דאס בעריאזקעלע

אקארשט אן אנגעצוואגנס, נאקעדיק בלויס,
די טרייסלדיקע ביינדעלעך אפצוציילן;
מיט פלינקע טריטלעך אין שעמעוודיקן איילן,
פון שוימענדיקן טייך אויפן ברעג ארויס.

דאס קעפעלע גלאט, אין פארקעמטן געקרויז
מיט דעם ווייסן שריינט אין נראדיקע צוויי טיילן;
א לוסטיק מעשהלע אינמיטן דערציילן,
זעט יעטווידעס שאקעלע חנעוודיק אויס.

און אט פארשווינדן שטיל געבליבן איז עס שטיין,
כאטש צוריק צו לויפן אינס וואסער אריין:
פון צווישן די צווייגן א רוישנדיקער שארך!

שטייט עס אזוי אויך טיט דערשראקן און בלייך.
א שטיינגעבליבן העזל ביים ברעג פון טייך,
מיט אויפגעשטעלטע אויערלעך אינמיטן געהארך.

### א בליענדיקער מאנדל-בוים

מיט פוכיקן גרין, מיט חנעוודיקן בלייבן,
ליכטיקן, באפלינלטע, די מאנדל צווייגן;
ארויסגעכאפטע זיך פון פארמאכטע שטייגן,
שוועבן זיי לייכט און פריי אין בלוילעכע הייכן.

טויבן-פארן אין ווארקנדיקן פארקייבן,
איינס קיינן אנדערן מיט ליבלעכן נייגן,
מיט אויגעלעך פארגלייזטע פולע מיט שווייגן,
גלייך פלאטער־נעציטער אויף שפיגלונג פון טייכן.

דאס שטראליקע שפילן פול ליבלעכע קאלירן,
א ווינקנדיק געפינקל צו פלינקען פארפירן,
און אט אויך צווייטן צווייגל נאר ישוין אפגעפלויגן.

נישט צוויט פון צווייגן — מעדערל געשיט פון אויבן,
געפאכע ביים באהעפטן פון צוויי מירטל טויבן —
פוכיקער, פלינל-געפלאטער בריים אויסגעצויגן.

## באַבלעטערטער באַרן-בוים

די מישאַ פון פּראַכט, אַז עס זאָל קאָנען דערטראָגן,
דאָס רינינקע עפּל־ביימל קנאַביק און שמאָל.
און אונטער דער לאַסט נישט צוזאַמענברעכט מיטאַמאָל.
קאָרטשעט עס זיך טאַקע אין דרייען און אין פּלאָגן.

אָבער צאַרטקייט פון בירן־ביימל צו פאַרמאָגן,
און שטיין קענען שלאַנק און שטאָלץ און טראָגן דעם עול,
און אין דרייען נישט צוזאַמענפאַלן עס זאָל — —
דאָס איז ס׳גרויסע וואונדער פון די פרילינג פאַרטאָגן!

און נישט נאָר די הערלעכע שיינקייט פונם בליען,
אָנגעצונדן און וואונדערלעך באַלד צו צעפליען — —
פון זיין יעטווידן בלעטעלע ס׳בלייבלעכע גרין,

צערטלעך אַזוי ליבלעך דעם טרויעריקסטן בליק!
ער פלאַטערט האַפּערדיק אַהין און צוריק,
ווי אַרום די בליטן זשומעדיק אַ בין.

## דעמב אויף פרילינג-לאַנקע

אַ גאַנצן ווינטער, אַז ס׳זאָל נישט אַרונטערפאַלן
דער שווערער הימל מיט וואָלקנעס באַלאָדן.
חרוב מאַכנדיק אַרום גערטנער און סאָדן
און אין פרילינג מיט זון נישט קענען מער צעשטראַלן,

געשטאַנען איז ער מיט כוח, פעסטן פּאַטאַלן,
אין רעגן־זאַווערוכעס — אין שווייס געבאָדן,
נישט מורא האָבנדיק פאַר שאַנד און פאַר שאָדן,
און נישט פאַר די קריוודיקסטע יסורים קוואַלן.

און דאָס ברייטע שטרעקן זיך איצט און דאָס ציען,
ס׳איז נישט וואונדערלעך מיט קנאָספּן צו צעבליען,
און נישט זאַפטיקע פירות הערלעך אויסצוטראָגן.

ס׳זיינען אָרעמס — גאַנצע וועלט אַרומצונעמען!
אַ סמאַרע שעפּסען, נאָבן באָדן צו קעמען,
טוליעט זיך די לאַנקע צו אים אין די פאַרטאָגן.



## געבעט צופוסנס אַ בוים

צופוסנס אַ בוים, אין נאַקעטן וואָרצל געפלעכט,
אין ליכטיקן גראָז נעגלאַנץ, אין טויאיקן נעץ,
ס׳וואָלט אַ הייליקן בילד אויף אים הענגען, אַ געץ,
און איך פון אַקער אַוועק, אַ פאַרמאַטערטער קנעכט:

„נישט דורך קראַנקע אַנגסטן מער, דורך פיבערדיקע נעכט,
טויזנט בילדער אין משונה ווילדן נעהעץ —
יעדער בוים אַ פויגל פאַרקניפּט אין פאַסקע נעץ,
פאַרפנדיק אויפגעפלאַטערט אינמיטן געשעכט!

זיין טייבל־קיל־געשפּיגל — מיין גליאיקער מוח,
און דער הימל איבער אים — קרעמאַטאָריום רויך —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
אַ, אַזוי אַ, ווי ער זעט אויס אים ווידער קענען זען!

אין זיין איינענער שיינקייט יעטווידן בוים,
און שיין ווערן מיט אים און חלומען זיין טרוים,
אַ, נישט געשפּיגלט זיין מער אין בלוטיקן געשען.“

## אַ פרוכנער בוים

אַז איך וויים נישט מער וואו ווידער אָנצופאַנגען,
מיין געראַנק קרישלט זיך ווי אַ פרוכנער בוים,
אַ געשטאַרבענער וואָס באַוועגט זיך שוין קוים,
מיט קיין צווייג די פרילינג-זון נישט צו דערלאַנגען.

עס פלאַנטערן זיך אַלע מיינע פאַרלאַנגען,
פאַרטריקנטע וואָרצלען פונקט אונטער אַ צוים;
עס איז אַן אונטערגעשניטענער מיין טרוים,
אַ וואָרצללאָזער שטאַנג אַזאַ צווישן שטאַנגען.

שאַרף און שפּיציק בליצן אויף פרילינג־פאַרטאָגן,
פונקט מ׳וואָלט נעגל אין מיר אַריינגעשלאָגן,
און פאַרלעשן באַלד אין דעם פרוכנעם געפלעכט.

קיין איינעם צומאָל שוין נישט מער פעסט צוהאַלטן!
נאָר פון מיין שטערן — פון צווישן קאַרגע פאַלטן,
ליכטיק געקרישל נאָך אין פינסטערע נעכט.

## משה עובד

# דער אמעריקאנער אויבערמענטש און די אינדישע פרינצעסין

(פון דער סעריע איבערלעבענישן)

אויף דער צוואנציק יעריקער וואקלדיקער שלום־בריק, צווישן ביידע וועלט־מלחמות, האבן מיינע פינאנסן געהאט דאס גליק דאמיט וואס דער אמעריקאנער מיליאנער און אויבערמענטש פלעגט רעגעלמעסיק יעדעס יאר קומען צו מיין קמיע־ווינקל (קעמיא־קארנער) אויף עטלעכע טעג, און אין פארלויף פון דער צייט זיי, ד.ה. די פינאנסן, דערקוויקן מיט א טראנספוזיע פון זיין רייך געלד.

ווי מצרים פון די וואסערן פון טייך נילוס, אזוי פלעגט דער קמיע־ווינקל ווערן אויף א גאנץ יאר באפרוכפערט פון זיין קורצן וויזיט. און חוץ מזה איז פון אויבערמענטשס שטורמדיקער פערזענלעכקייט דעם אונטער־מענטשס פאסיווער ענערגיע געווארן אקטיוו במעט דינאמיש. אויב נישט אטאמיש.

דא איז דער שרייבער אויסן צו דערציילן אביסעלע מער פון זיינע איבערלעבונגען מיטן אויבערמענטש :—

אין א שיינעם זומער פרימארגן פון 1933 קומט ער צופארן פון דער קא־בעדיקער נייער וועלט צו דער לעבלעכער אלטער וועלט און גלייך אין מיין געוועלב אריין.

זייענדיק אן אויבערמענטש זאגט ער נישט „גוט־מארגן, וואס מאכסטו, א שיינער טאג" און די איבריקע באמערקונגען פון מיטלמעסיקע מענטשלעך, און ערווארט נישט ביז איך וועל זיך אנגעריייטן א תשובה. נאר ער פרעגט פלוצלונג און הארציק, „איז עפשטיינס מארעל פרינצעס סאניטאה א רעאלי־טעט אדער א פאנטאזיע?" ענטפער איך, „געוויס א רעאליטעט. צו בין איך דען א פראפעסיאנעלער שרייבער זיך אויסצוטראכטן פאנטאסטישע טיפן?"

— איז זי טאקע אזוי שיין ווי דו האסט זי באשריבן? — שיסט ער ווייטער אוים.

— אלץ הייסט שיין — ענטפער איך מיט פארגלאצטע אויגן.

— א גאלדענע בראנז וואס קילט קיינמאל נישט? — ציטירט ער פון מיין בוך, וואס ער האט אטוואס ערשט געלעזן אויף זיין שיף רייזע.

— יא — ענטפער איך „אזוי ווי ס'איז געשריבן און נאך הייסער ווי ס'איז געשריבן".

„אויב דאס איז דער פאל, דאן שטעל זי מיר פאר שנעל ווי מעגלעך. ווארט נישט ביז דער בראנז וועט קאלט ווערן".

און אזוי ריידנדיק, קויפט ער דערווייל פאר הונדערטער פונטן שיינע און שפילעוודיקע זאכן.



דערווייל האט זיך דער סוהרישער שכל־הישר זיין בקשה פארזיכטיק איבערלייגט, איבערגעוואוויגן און איבערגעמאסטן און פאליעלעקווירט אזוי :

„קיין נוטס קען דאך פון זיין באגעגעניש מיט סאניטאהן נישט ארויס־קומען. ער איז אין דער געפערלעכער עלטער פון 72 און זי אין דער געפער־לעכער לאגע פון געלט־דחקות. ער וועט זיך דעם קאפ פארדרייען מיט איר בלענדענדער שיינקייט, אנשטאט צו זיין קאנצענטרירט אויף מיינע שיינע זאכן און ווידער נישט ממלא זיין זיין רצון איז דאך אויך נישט ריכטיק און נישט שכלדיק. ער איז אזוי גוט צו מיר און ער קען נאך חלילה ברוגז ווערן".

ער זעט ווי איך קווענקל זיך מאכט ער „זאגסט דו ניין, ניין!?"

— יא — ענטפער איך — פאר דיר טו איך אלעס.

און איך האב זאפארט טעלעפאנירט און אראנזשירט א ראנדעוואו, זיי זאלן זיך טרעפן דעם קומענדיקן טאג פונקט איינס דעם ווייגער אין קמיע ווינקל.

עס איז זיך לייכט משער צו זיין, אז דער אויבערמענטש איז געווארן פארליבעוועט אין דער פרינצעסין נאך בשעת ער האט געלייענט דאס זי איז „א גאלדענער בראנז וואס קילט קיינמאל נישט". מן הסתם האט ער איר געשטאלט געזען אין די בוואליעס פון אטלאנטיק ווען די זון האט זיי באגיל־דעט. מכל שכן בין השמשות צייט ווען דער ים זעט אויס און ווארפט זיך ווי א ליידנשאפטלעכע אינדישע פרינצעסין און א פארי טראבט איינגעהילט, און די לבנה איז די קרוין פון איר פרינצעסין קאפ.

דער אויבערמענטש האט זיך מן הסתם געמאכט לייכט, די שיף זאל אים קענען טראגן שנעלער נאך לאנדאן די פרינצעסין צובאגעגענען אין דער ווירקלעכקייט. דאך ווען ער איז שוין אנגעקומען נאך לאנדאן און זיך שוין דערוואוסט דאס די פרינצעסין איז א רעאליטעט און האט ממש אן אדרעס האט ער זיך, נישט ווי אן איטאליענער פארליבטער קאוואליר, אוועקגע־שטעלט אונטער איר פענסטער מיט א הארפע און זיך צונעהארכט ווי ספלאצן די סטרונעס פון זיין הארץ... אויך האט ער נישט, ווי א יידישער דיכטער איר געשיקט א געגראמט און געדרעקסעלט לידעלע מיט א מאסא פון שיר השירים. ניין! דער אמעריקאנער מיליאנערישער אויבערמענטש האט אין דעם מעת־לעת צייט וואס ער האט געהאט, איידער דאס באגעגעניש מיט איר, אויסגעארבעט א פראקטישן פלאן וואס זאל דער פרינצעסין פאר־וואנדלען אין א קעניגין, א קעניגין פון פראכט־סאלאנען (ביוטי־פארלעס), א פלאן וואס זאל זי מאכן שטיינרייך און וועלט בארימט, און ער זאל נאך דארין פארדינען.

און אום צו רעאליזירן דעם פלאן האט ער אין זעלבן מעת־לעת אויס־געטראכט אן אריגינעלע ערפינדונג און אויסגעזען האט די ערפינדונג נישט ווי א הארפעלע אדער א לידעלע, נאר ווי א קעמעלע, א האר־קעמעלע, וואס אז מען שטעלט עס אריין אין די האר פון קאפ, פון אן עלטערער אדער

מיטל־יעריקער פרוי ציט דאָס קעמעלע אַרויף די הויט פון שטערן. אַלע קנייטשן ווערן אויסגעגלייכט און זי זעט אויס ווי אַ גלייכער גלאַנציקער בלאַט פון אַ לוקסוס אויסגאַבע.

און נישט נאָר האָט ער די ערפינדונג אין דעם מעת־לעת אויסגעטראַכט נאָר ער האָט אויך געפונען אַ געשיקטן מעכאַניקער וואָס איז אויפגעזעסן אַ גאַנצע נאַכט, איינער אַליין און פאַר אים געמאַכט דאָס געניאַלע קעמעלע.

אויך האָט ער דעם פלאַן נישט איבערגעלאָזט אויף לשנה הבא נאָר זאַפּאַרט געדונגען אַ רייך הויז, אַ פּאַלאַץ אין דער ריכטיקער גאַס פון לאָנדאָן, צו עטאַבלירן און מעבלירן דאָרט 22 סאַלאָנען. ער האָט אויך געשיקט צו אַלע פּראָמינענטע צייטונגען רעקלאַמעס „מ׳דאַרף מאָמענטאַל 22 שיינע מיידלעך פאַר דעם פּאַלאַץ פון פּראַכט אונטער דער לייטונג פון דער שענסטער פּרינצעסין אין גאַנצן אָריענט״.

ער האָט אויך אויסגערעכנט אויף אַ שטיקל פּאַפּיר דאָס אויב סאַניטאַה וועט נאָר פאַרדינען צוויי פּענים קאָמיסיאָן אין יעדן קונה און דריי פּענים אין יעדן קעמעלע וועט זי אויך האָבן איר 20.000 דאָלאַר אַ יאָר און אים אַליין וועט אויך בלייבן ריווח אַ מינימום פון 40,000 דאָלאַר יערלעך.

ער האָט אויך באותו יום באַשטעלט אַפּישן צו באַקלעפּן דאָס מיאוסע פּרצוף פון לאָנדאָן.

„ביי עי קאָמב יאָער ביוטי טו רעניו.
ענד ליוק טהע אימידזש אָף טווענטי טו״

אויף יידיש הייסט עס:

„קויף דיר אַ קעמעלע, דיין יוגנד באַניי.
און זע אויס אַ מיידעלע פון צוואַנציק צוויי.״

צומאָרגנס מיט דער ערפינדונג אין זיין וועסט־טעשל און מיטן פּלאַן אין פולער באַוועגונג, איז דער איבערמענטש אַריינגעקומען אין קמיע ווינקל. רעכטצייטיק פּונקט איינס דעם זייגער און געוואַרט מיט איבערמענטשלעכער אומגעדולט אויף דער פּרינצעסין. אויסגעפּוצט איז ער געווען אין בגדי מלכות, עס האָט געשמעקט פון אים די פרישקייט פון נייקייט, ווי די פּנימער פון צוויי סאַלאָן מיידלעך האָבן זיינע נייע בלאַנדע קאַמאַשן געשיינט און נישט געהאַט אויף זיך דעם סימן פון אַ קנייטשל. ווער רעדט נאָך פון די הויזן אַרבל און פון שניפּס! ס׳האָט אַלעס געהאַנגען גלייך און שטייף ווי נייע ציווילע מלבושים אויף אַ רעמאָבליזירטן זעלנער.

און אַזוי איז ער געשטאַנען אויף שפּילקעס און אויף נאָדלען און געוואַרט אויף דער בראָנז וואָס קילט קיינמאָל נישט.

די נאַטור פון אינדיע און פון אינדישע פּרינצעסין זיינען אָבער נישט רעגולירט צו סינקראָניזירן מיט צייט. אויך האָט זי געוואָלט דעמאָנסטרירן מיט איר פאַרזוימען דאָס מיליאָנען שפּילן נישט ביי איר קיין גרויסע ראָלע, דעריבער טאַקע ווען זי האָט אַריינגעבליצט מיטן גאַנצן קעניגרייך פון איר שיינקייט און ער האָט זי געפרעגט וואָס זי דענקט פון זיין בלאָ־ווייסן דימאַנ־



טענעם רינג אויף זיין פינגער. אַ דימאַנט גרויס ווי אַ קלעצל צוקער, האָט זי געזאָגט פאַררויכערנדיג נערוועזיש אַ פּאַפּיראָסל: „מיין פאָטער האָט אַ שענערן בריליאַנט אוועקגעוואָרפן״. האָט ער איר געוויזן די סמאַראַגד שפּילקע אין זיין שניפּס, גרויס ווי אַ ווערפל. האָט זי געזאָגט, אוועקשנעלנדיק דאָס אויסגעלאָשענע שטרייכהעלצעלע, „מיין טאַטע האָט אַרויסגעוואָרפן פון זיין הויז אַ שענערן סמאַראַגד״. ווייזט ער איר זיין האַנט־זייגערל, „זעסט דאָס האָט די פיינסטע ווערק וואָס שווייצאַריע האָט נאָך געשאַפן״. „אַזוי״. בלאָזט זי אַרויס דעם רויך הויך, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, „די פיינסטע ווערק״! „איך ווייס פון אַ זייגערל פון שענערע ווערק, וואָס מיין טאַטע האָט אויף שטיינער צעבראָכן״.

פרעגט ער זי, „וואָלסטו געוואָלט זיין די קעניגין פון אַ פּאַלאַץ פון פּראַכט?״

האָבן אירע ווייסע ציין זיך צולאַכט אין אַ ביינערדיק קנאַקענדיק געלעכטער:

„כאַ! כאַ! כאַ! איך אַ קעניגין פון פּראַכט!״

„כאַ! כאַ! כאַ! מיסטער עפּשטיין האָט געמאַכט פון מיר אַ מאַראַנאַ. מיסטער משה — אַ „בראָנז וואָס קילט קיינמאָל נישט״ און איר ווילט פון מיר מאַכן אַ קעניגין פון אַ פּאַלאַץ פון פּראַכט! גלויבט מיר, איר וועט אַלע האָבן אַ גרעסערן דערפאָלג ווען איר מאַכט פון מיר אַ ציגיינערין, אַ וואַנדערין, מענטשן׳ס גליק וואָלט איך נישט געקענט טרעפן אָבער מענטשנס אומגליק וואָלט איך אייביק געטראָפן, און נאָך ווי — כאַ! כאַ! כאַ!״ און אַזוי ווי זי לאַכט האַלט זיך די זייטן און קייכט. רופט מיך דער איבערמענטש אַרויס מיט אַ ווינק און רעדט קריצנדיק מיט די ציין.

— אַזאַ רויכענדער טייוול! אַזאַ דאַרער סטשור! און דאָס הייסט ביי דיר שיין! קום מיט מיר נאָך אַמעריקע וועל איך דיר ווייזן שיינע פרויען פּיקטשעס, איינע ווי איינע!

איך האָב געמיינט, אַזוי ווי דו האַנדלסט אין קמיעס, ביסטו אַ שטיקל מבין אויף אַ שיין מיידל! און אַמעריקע גיט מען דיר נישט קיין ניקל פאַר אַזאַ מכשפה!״ און ער האָט ווי להבדיל אַ נביא אַרויסגענומען ס׳קעמעלע פון זיין וועסט־טעשל עס צעבראָכן אויף פּיץ־פּיצעלעך, געוואָרפן אין רינשטאָק אַריין זאָגנדיק דערביי: „רויכענדער טייוול! דאַרער סטשור!״

אָט אַזוי רבותי, האָט דער איבערמענטש אין איין מעת־לעת געמאַכט אַן אָריגינעלע ערפינדונג געבראַכט אַ פּראַקטישן פּלאַן אין באַוועגונג און אין זעלבן מעת־לעת ביידע פאַרניכטעט.

צום גליק איז אַן איבערמענטש נישט קיין קאָמיטעט וואָס באַלעמוטשעט טעג און יאָרן מיט רעזאָלוציעס און מיט „נעמענדיק אין בעטראַכט״, ער, גלייך ווי סאַניטאַה איז אַוועק, איז ער אַריבער איבערן „טאָג־אָרדענונג״ צו נייע פּלענער און צו נייע ערפינדונגען.

ער האָט דעם זעלבן נאָכמיטאָג דערזען אין אַ שויפענסטער אַ קאַרטל

מיט א בילד פון א בהמה, אונטערגעשריבן: „ס'העלפט נישט וויינען איבער פארגאסענע מילך". איז ער אריין אין געשעפט אפגעקויפט הונדערט קארטלעך. ער האט ערפונדן דאס אז מען קלעבט צו א דין פאפירעלע צום קארטל און אז מ'לאזט אפן א שפאלט און אז מ'בלאזט אין שפאלט אריין לאכט די קוה „בא! בא! בא! ער האט אריינגעבראכט די קארטלעך צו מיר און מיינע געהילפע האבן אים געהאלפן קלעפן די פאפירלעך, לעקן־די מארקעס און אדרעסירן די הונדערט קוה־קארטלעך דעם זעלביקן טאג צו זיינע פריינד און באוואונדערער אין דער אלטער און נייער וועלט.

די צוואנציק יעריקע בריק פון שלום האט די צווייטע וועלט מלחמה פארפלייצט. אבער דער שרייבער פון די געשיכטע, דער בראנז וואס פארקילט זיך אייביק גלאנצט נאך פונם גאלד און אטעמט נאך מיט דער ענערגיע פון דעם מיליאנערישן איבערמענטש.

1 זע מיין בוך „וויזיאנען און אידעלשטיינער", זייט 125 און 145 ביז 167.

2 זע „וויזיאנען און אידעלשטיינער" זייט 183.

## י. ביעטש

# די צוויי פריינט

(א סקיצע)

איינער אקעגן דעם צווייטן ליגן זיי די ביידע ברעגעס פונם שטעטל „ר", און הערן זיך איין צו דעם געוויש פון א שמאלן פאס טייך, וואס טראגט זיך פון דער ווייטענס. און ניסט זיך מיט א געבייזער אריבער די סטאווידעס פון די שטאטס מיל, פליסנדיק בסדר ארום די גרינע לאנקעס, מיט א שטילן געמורמל אין א ווייטן וועג אריין. מיטנעמענדיג א טיפן סוד פון דורות.

ווען נישט די האלצערנע בריק, וואס פארבינדט די ביידע ברעגעס, וואלט מען געמיינט אז דאס זיינען צוויי באזונדערע שטעטלעך. איינס אן ארעמס די יידישע שטאט מיט אירע קרומע נישט ברוקירטע געסלעך און קליינע נידריקע הייזלעך, וואו עס לעבן צוזאמענגעפרעסט ארימע פארזארגטע יידן, און ס'אנדערע דער מקום מיטן שטאט־גארטן, וואו עס וואוינען די רייכע און מער פארמעגליכע יידן. בלויז אין די שבתים האט זיך געמערקט א אנגעהעריקייט איינס צום אנדערן, ווען זיי זיינען געקומען צום שול געסל אויסגעפוצטע, אין זיידנס און אטלאס שפרייזנדיק מיט פאמעליכע טריטלעך אריבער די האלצערנע בריק, און צוזאמען גענאסן זיך, אין איין גרויסע עדה, ביים דאוונען אין די אלטע שול.

הארט ביים קייליכדיקן מארק, אינם מאגיסטראט געסל, וואוינט יאקעלע



רימער, מיט זיין גאר יונג ווייבל אסתר. ער איז שוין געווען א מאן פון א יאר דרייסיק, הויך און וואוקס, א מאגער בלאס פנים, מיט גרויע גוטע שטיל לאכענדיקע אויגן. אן אונטערגעשוירן קליין בלאנד בערדל, וועלכעס ער פלעגט תמיד גלעטן, אזוי ווי עפעס וואלט דארטן געפעלט. די אונטערשטע ליפ אביסל דיקלעך, מיט צוויי טיפע קנייטשן ביי די ווינקלען פונם מויל, וואס ס'האט געמאכט דעם איינדרוק, אז ער וויל עפעס זאגן. נאר ער קען נישט און אזעלכע מינוטן האט זיך געמערקט ווי ער וויל אויסדריקן עפעס א מחשבה. און איז פולצים געבליבן הענגען א פארגליווערטער אויף זיין בלאס פנים. פלעגט ער ווען ריידן וועגן אן ענין, זיינען דאס געווען געציילטע אבגעהאקטע ווערטער, און נאך יעדן זאץ געבן א סמאטשקע מיט די דיקע ליפ, וואס ס'האט געמיינט עס. נארנישט, פארטיק...

אין די זומערדיקע שבת־נאכמיטאגס, בעת די יונגע לייטלעך זיינען אין די ווידענע שלאפראקס ביי די אפענע פענסטער געזעסן, און געקוקט פארטראכט אינם מארק אריין. פלעגט אפט יאקעלע שפריזן איבערן ברוקירטן מארק, גלייך ווי א סטראנגע. די הענט אין די קעשענעס, הענגען וועגן עפעס. וואס ער האט מורא געהאט פאר זיין אייגן מויל צו פארטרויען. וועגן וואס? ווער ווייס. אפשר צוליב די נישט זיכערע צייט, וואס ס'האט ווי א בישוף לעצטנס אינם שטעטל זיך אריינגעריסן. אדער וועגן אייגענער אנגעלעגנהייטן, וועלכע האבן שטארק געדריקט זיינע געדאנקען. וואס דער יונגער אפטייקער, וועלכער וואוינט אין שכנות מיט אים, פלעגט אפט אריינקומען מיט פארשיידענע אויסריידן, מיט ברענגען אלעמאל א ניי בוך צום לייענען. און ביי יעדע געלעגנהייט איר מאכן קאמפלימענטן, וואס פאר א וואשנע פארשוין זי איז. און פאסט גאר נישט אריין אינם קליינשטעטלדיקן לעבן; דער ביי מיט זיינע שפיציקע שווארצע אויגן, געווארפן גיריקע בליקן אויף איר יונגן פולן בוזים, וואס האט זיך בעת אזא געשפרעך אונטער איר דינע באטיסטענע בלוזע שטארקער זיך באוועגן; אין אזעלכע מאמענטן פלעגט זי בלייבן שטיין ווי פארלוירן, אירע רונדע באקן מיט די חן גריבלעך האבן אנגענומען א רויטליכע קאליר, און זיך הויך צעלאכט, ווייזנדיק אירע שיינע שניי ווייסע ציין...

און כאטש אסתר איז געווען א פרום יידיש ווייבל און געשטאמט פון א מיוחוסדיקער משפחה, האט זי גערן געהאט צו הערן וועגן זיך א שיינעם קאמפלימענט. דאס פלעגט אים ארויסברענגען פון גלייכגעוויכט, און גערייצט זיין צעהיצטער פאנטאזיע, זי איז נאך אזוי יונג. און נישט ערפארן. עפעס האט אנגעהויבן זיך טומלען אין זיין מוח זאכן, וואס ער וויל פארטרייבן און קען נישט. זאכן וואס טויכן אלע מאל אין זיין געדאנק אויף. מחמת זיין א מעקלער אין די פריצישע הייפן, איז אים אויסגעקומען מייסטענס פון די וואכענטעג נישט צו זיין אין דער היים. דאס האט טיף אין זיין הארץ געשאפן געפילן. און א טיפער טרויער האט געהילט זיין נשמה...

פארטיפט אין זיינע פינסטערע רעיונות איז אים ארויף אויפן געדאנק,

אז עס איז נאָך קיין גאַנצע צוויי יאָר ווי ער האָט מיט איר חתונה געהאַט. זי איז דאַמאָלס כמעט נאָך געווען ווי אַ יונגע בלום, וואָס ס'האָט געהאַלטן אין אַנטוויקלען זיך, און איז גאָר וואָס רייף און פאַרמירט אַלס פרוי. מיט אַ פריש ראָזע פאַרב אין איר פּנים. און העל בלויע פאַרחלומטע אויגן. פון אירע ליכטיקע קליידער האָבן מילד און לעבנדיק איצט אַרויסגעשפּראָצט. די שטריכן פון איר שלאַנקן קערפּער. און אָנגעפילט די אַטמאָספערע מיט פרייען צערטליכקייט.

ביי די פרומערע יידן פונם שטעטל איז ער געווען באַוואוסט אַלס יאַקעלע אפּיקורס. נישט צוליב זיינע שלעכטע מעשׂים, אָדער עפּעס געטון צולהכעיס דעם עולם. ניין, מיט אַזעלכע זאַכן האָט ער זיך נישט פאַרנומען. נאָר מחמת דעם וואָס זיין קאַפּאָטע איז געווען אַ ביסל געקירצט און געטראָגן גאָלדענע ברילן מיט אַ שוואַרץ בענדל, וואָס איז געווען אָנגעטשעפּעט אויף דעם ערשטן קנעפּל פון זיין זיידן געבלימלט וועסטל. נאָך אַ סימן פון אַן אפּיקורס איז, וואָס ער האָט געהאַט אַ שליסל פונם באָד ביידל אינם שטאָט יאָרטן ביים טייך; וואו נישט יידישע מענער און פרויען פון די העכערע געזעלשאַפט פלעגן זיך באָדן. זיין גרעסטער פאַרגעניגן איז געווען אין די זומערפאַרנאַכטן, ווען די זון האָט זיך גערוקט צו מערב. און געצונדן דעם הימל מיט אַ רויט העליש פייער. באַגיסנדיק דעם טייך מיט פייערדיקע זונען שטראַלן, וואָרפנדיק גאַנצע הויפנס בלישטשענדיק גאָלד אין די פענסטער פון די דערבייאיקע הייזלעך. אין אַזעלכע אָוונטן, ווי אַלעס האָט אויסגעזען שרעקלעך ווילד און פאַנטאַסטיש, צו גיין פאַמעלעך מיט געציילטע טריט צום ביידל צו טובלען זיך אינם זון געצונדענעם טייך, וואָס שווימט רואיק, און געהיימניספול אַוועק, קושנדיק ביידע ברעגעס צו זאַמען. ער האָט זיך לאַנג געפּאַרעט דאָרטן אין דעם ביידל און געטובלט. עפּעס ווי ער וואָלט געוואָלט די אַלע ריחות, וואָס שמעקן אַרויס פון דעם אויסגעליינטן שוי־פענסטער פונם יונגן אַפּטייקער. און וואָס לויפן אים נאָך, אָפּוואַשן פון זיך און אָפּשווענקען.

איינמאָל אין אַזאַ פאַרנאַכט האָט יאַקעלע אפּיקורס זיך באַקענט מיט יודלען. דעם סאָציאַליסט דעם „קאַלבאַסניק“. אַ בעל־בתּישער בחור, וואָס דער יידישער עולם האָט שטאַרק באַדויערט, וואָס ער איז געכאַפּט און לייענט טרפה פסולע ספרים, פאַר וועלכעס דאָס שטעטל האָט שטאַרק געציטערט. און געהיטן זייערע קינדער אַז זיי זאָלן זיך מיט אים נישט טרעפן. אין אַזאַ ווילד פאַנטאַסטישן בין־השמשות האָט יאַקעלע דער משׂכיל איבערגעגעבן בסוד צו יודלען וועגן זיין גרויסע ביבליאָטעק פון פאַרשידענע ביכער, וואָס ער האָט ביז איצט געהאַלטן פאַרשלאָסן פאַר יעדענס נישט גוטע אויג.

הגם דער חסידישער עולם האָט קרום געקוקט אויף יאַקעלעס פירן זיך, ספּעציעל דאָס נעלם ווערן מיט יודלען ערגעץ הינטער דער שטאָט. און פאַרפירן די יונגע לייטלעך און בעל־בתּישע מיידלעך. וועלכע האָבן שטאַרק גע־



ביינקט נאָך אַ ניי וואָרט. האָבן ממש געכאַפּט די קינדער פון די הענט, פונדעסטוועגן האָט דאָס שטעטל אַ סך פאַרבויגן, ווייל בטבע איז יאַקעלע געווען נישט קיין שלעכטער מענטש. און דעם שטעטל געטון אַ סך טובות. כמעט אַלע אָרימע יידן פונם אַנדערן ברעג טייך, זיינען געווען זיכער צו קריגן ביי אים אַ גמילות חסד. ספּעציעל, ווען עס האָט זיך געשטעלט די גרויסע ירידים, וועמען ער האָט קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט צו טון טובות. ער פלעגט נאָך דער ביי אַ סמאַטשקע טון מיט זיין אונטערשטער דיקע ליפּ. און מיט די דלאָניע פון זיין האַנט אַ גלעט געבן דאָס בלאָנדע אונטערגעשוירענע בערדל, און גלאַט אַזוי מיט קורצע אָבגעהאַקטע ווערטער אַ זאָג געטון: נו.. עט.. פאַרטיק! אמת, ער האָט דאָס נישט געטון לשם מצוה. אינם שטעטל האָבן אפילו שלעכטע מענטשן זיך געסודעט אַז ער איז אַ פעל שינדער, אָבער דאָס איז געווען בלחש. און אַלגעמיין האָט דער עולם געלעבט בשלום מיט יאַקעלע אפּיקורס.

די צייט איז געשווינט געלאָפן און אַן ענדערונג איז געוואָרן אינם שטעטל. עפּעס האָט עס אָנגעהויבן ווערן ליידיקער. יידן זיינען זיך צעלאָפן זוכן פּרנסות, וואו נאָר די אויגן האָבן געטראָגן. גאַנצע יידישע פאַמיליעס, וואָס מען האָט געזען היינט, זיינען צו מאָרגנס געווען אויפן וואַנדער וועג. אויך יאַקעלע האָט עפּעס אָנגעהויבן קוקן אויף אַלעם מיט אַנדערע אויגן, זייט דער אַפּטייקער פלעגט צו אים אַריינקומען און דאָס וואָס האָט פאַרנומען זיינע געדאַנקען ביז היינט האָבן פאַרלוירן זייער ווערט. ר'האָט געפילט אַז עס פעלט אין דאָס גאַנצע ביז איצט באַשאַפענע אין זיין מוח. ער האָט פלוצים דערפילט אין דער פוסטקייט אַרום זיך, וואָס ס'האָט שטאַרק געדריקט זיין נשמה. דעם איינציקן אויסוועג זיך צו לאָזן אין די ברייטע גרויסע וועלט.

אַריינגעטון אין זיינע מחשבות וועגן עפּעס פעסט באַשטימטעס, פלעגט ער זיצן שעהן לאַנג, אין זיין באַזונדערן חדר, ביים פענסטער קוקן אויף דער גאַס, און באַטראַכטן דאָס אויסגעפּוצטע שוי־פענסטער פון אַפּטייק און זיך ראַנגלען מיט דער דעה: זאָל ער איר זאָגן וועגן זיין אָפּגעמאַכטן פּלאַן? אָדער אפשר איר שרייבן אַבריוו פונם וועג, וועגן זיין באַשלוס, אַז גלייך ווי ער וועט זיך צי עפּעס דערשלאָגן נעמט ער זי אַריבער... זיין בליק פאַלט צו די טיר פון דער צווייטער שטוב, פון וואַנען עס הערט זיך אַ זיסער ניגון פון אַ שלאָף ליד, איינוויגנדיק איר נאָך יונג קינד. ער ווייס ווי ווייט שמערצלעך דאָס וועט זיין פאַר איר. ספּעציעל איצט מיט אַ קליין קינד אויף דער האַנט. אָבער עס איז פאַרפאַלן. עס איז נישט דאַ קיין צוריק. עס האָט זיך משונה דערשראָקן פאַר זיינע ווערטער, אָבער זיין פריינט, יודלען, נאָך די אַלע שמועסן, ווי אַזוי וועט ער אים דערציילן זיין באַשלוס, אַז אויך ער וויל פאַרלאָזן דאָס שטעטל....

עס איז געווען אַ פינסטערע שטומע זומער נאַכט, ווייט אויף אַנ'עק הימל האָט זיך שוין אָנגעהויבן ווייזן אַ ווייס גרויע פאַס ליכט. דאָס שטעטל

איז געווען געהילט אין אַ טיפֿן שלאָף. ווען יאַקעלע איז שטיל אָן גערויש בגנבה אַרויס פֿון זיין דירה; וואַרפֿנדיק זיין לעצטן בליק צו דער צווייטער שטוב. און מיט האַרץ קלאַפּעניש זיך געזעגנט. פֿון זיינע ליפּן האָט גע־פֿליסטערט אַ ביינקנדיקער זיי געזונט. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַלץ און אַרום איז מיט אַ ביון שטיל געבליבן און פֿילט מיט זיין שווערן אָטעם. בלויז זיין פֿריינט יידל האָט אים באַגלייט צום שאָסיי, וואָס פֿירט צו די גרויסער וועלט...

בלויז יידל האָט געוואוסט יאַקעלעס סוד — אַז נישט די געדריקט פּרנסה טרייבט אים פֿון שטעטל, נאָר עפּעס פֿיל טיפֿערס. ער איז געווען שטאָלץ אויף זיין פֿריינט אָבער אַ נאָך גרעסערער טרויער האָט אים אַרומ־גענומען צו די שטעטלדיקע יידן וואָס לאָזן זיך וואו די אויגן טראָגן זוכן פּרנסות. סוחרימלעך לויפֿן, זוכן נייע פּרנסות...

דעם טאָג ווען יאַקעלע אַפּיקורס איז אַוועק איז די זון אינם שטעטל „ר" ווי אויסגעלאָשן געוואָרן, דער הימל האָט זיך געברוגזט און געשפּריצט מיט אַ דין רעגנדל, וועלכעס האָט אָנאויפֿהער גענעצט דעם גאַנצן אַרום. אַן אומהיימליכקייט האָט אַרום דעם עולם זיך געוויקלט און דערשפּירט אַז עפּעס האָט זיך אַ ריר געטון. אין אַזעלכע מינוטן האָט יעדער דערפֿילט, אַז ס'הייבט אָן ווערן פּוסט און מרה־שחורהדיק. אַ שטילער קרעכץ האָט זיך איבערן שטעטל אַרום געטראָגן, קלערנדיק וואָס וועט ברענגען דער מאָרגן.

עס איז געווען חידושלעך דעם עולם די גאַנצע זאַך, אָבער אַמיינסטן האָבן די ווייבער גערעשט און נישט געקענט משיג זיין: אַ ייד האָט שיין פּרנסה, הגם נישט אַזאַ אָפּגעהיטענער ייד, אָבער דאָך? און אַזאַ ליבשאַפֿט ווי עס איז געווען צווישן זיי. דאַרף מען זוכן אין אַ האַלבע וועלט. און פּלוצים זי איבערגעלאָזט נאָך מיט אַ קליין קינד אויף דער האַנט. ווער האָט זיך געקענט ריכטן אויף דעם. „עס איז דען אַ וואונדער", רופֿט זיך אָן אַ שוועו לייביקע יידענע, „ אַ ייד, וואָס באָדט זיך אַלע פֿאַרנאַכט אינם ביידל, וואו נישט יידישע פֿרויען באָדן זיך, און ווער ווייס? אפשר? אַ בישוף?!" און ווען יידל קאַלבאַסניק האָט איבערגעגעבן דעם בריוו צו אסתרן, האָט מען זיך געוואָלט אָנשטויסן אַז אין דעם איז אַסאַך שולדיג דער כל־בוניק...

עפּעס האָט ער מאָדנע אויסגעזען בשעתן איבערגעבן דעם בריוו. ער האָט בשעת מעשה גאָרנישט געזאָגט. אָבער עפּעס סודותדיקעס און פֿריידי־קס האָט אַרויסגעקוקט פֿון זיינע אויגן... עפּעס אַ גוטסקייט און אַ ביזקייט ביידע צוזאַם... ווער קאָן עס פֿאַרשטיין?



# דזשעראַלד קערש

## נישט קיין מענטש נישט קיין הונט

אַמאָל האָב איך געפֿרעגט אַדזן צי ער האָט ווען עס איז געהאַט דאָס געפֿיל וואָס הייסט האָבן אַ פֿריינט. „איך האָב געהאַט אַ פֿריינט; איין פֿריינט, אַמאָל," האָט ער געענטפֿערט.

„וועמען איר האָט ליב געהאַט?"

„ליב געהאַט?" געשוויגן אַ ווילע. „הם, יאָ; וועמען איך האָב ליב געהאַט."

„אַ פֿרוי?"

אַדזן האָט געשפּאָט. „אַ פֿרוי!"

„מסתמא אַ מאַן, האַ?"

„אַ מאַן? טפֿו! מענער זענען אַש און שטויב."

„נישט אַמאָל אַ קינד?"

„קינדער! טפֿו!" האָט ער אויסגעשפּיגן. „מענטשן זענען ווילדגראָז און קינדער דער זאָמען פֿונם ווילדגראָז."

„ס'האָט מיר אַליין געזאָלט איינפֿאַלן," האָב איך געזאָגט. „געוויס אַ פֿערד אָדער אַ הונט."

„פֿערד און הינט זענען פּונקט אַזוי פֿאַרדאָרבן ווי מענטשן. זיי האָבן ליב מענטשן! באַוואונדערן מענטשן! די נאַראָנים! ער!" ס'האָט אויסגעזען, אַז ער וועט פּלאַצן פֿון איבערגעלאַדנקייט מיט פֿאַראַכטונג.

ער האָט געשוויגן אַ ווילע; אַזוי לאַנג ווי עס נעמט אויסצורייכערן אַ פּאַפּיראָס האָט ער נישט אויסגערעדט קיין וואָרט. אין אַדזעס שווייגענישן איז תמיד געלעגן עפּעס וואָס האָט געדריקט און געדראָט. עס האָט איך געברענגט אויף דער מחשבה אַ בילד פֿון טויטע מדבריות מיט צעבראָכענע שטיינער: טויט און פֿאַרוויסטונג איז געלעגן אין זיי. דערנאָך האָט ער אַ לאַך געטון; און זיין געלעכטער איז געווען קורץ און בייסיק. „אַ פֿריינט!" האָט ער געזאָגט. „פֿריינט זענען פּחדנים. איר האָט פֿריינט ווייל איר שרעקט זיך צו זיין אַליין. איר שעצט אייערע פֿריינט ווייל זיי זענען אַן אַרט שפּיגל אין וועלכן איר זעט די אָמשענסטן אויסזעענדיקע מידות פֿון אייך אַליין. פֿריינט! און וואָס שייך פֿרויען, עט! וואָס ליגט דען אין אַ פֿרוי. אַז אַ מאַן זאָל זיך מאַכן צו נאַר צוליב איר? מיט אַ פֿרוי איז אוממעגליך צו לעבן. אַלעמאָל רעדט

דזשעראַלד קערש, אַ יינגער ענגליש־יידישער שרייבער. האָט שוין פֿאַר־עפֿנטלעכט אַ ריי ביכער וועלכע די ענגלישע קריטיק האָט אויפֿגענומען מיט גרויס באַגייסטערונג. די דאָזיקע דערציילונג איז פֿון זיין נאָר־וואָס דערשינענעם בוך, וועלכעס טראָגט דעם זעלבן נאָמען וואָס די דערציילונג אין היינטיקן נומער „לשון און לעבן".

זי. איר האַלט זי אויס. און זי וויל איר זאָלט איר זיין איבערגעגעבן מיט גוף און נשמה. זי האָט אַ שלעכטן ריח. זי ווערט דיק. זי וואַקסט ווי אַ הינטל, אַז זי איז אייערע... און ווען איר גיט זיך נאָר אַ דריי אויס, קריכט איר ליבהאָבער אַפער פון אונטערן בעט.

הערט מיך אויס. איך בין שוין אַן אַלטער זקן. איך האָב געקענט אַ סך מענער און פרויען אין מיין לעבן, נאָר נישט אַזעלכע וועמען איך האָב געקענט שענקען ליבע אָדער פריינטשאַפט. ניין, איך בין איינער אַליין, איינער אַליין בין איך! יאָ, כ'האָב געקענט אַלעמען, גרויסאַרטיקע און קליינאַרטיקע, אויף אַלע טיילן פון דער וועלט... אין שיינע הייזער און אין רינשטאָקן, אויף בערג און פליינען, אין די וועלדער און אויפן ים. נאָר איך בין תמיד געווען איינער אַליין, אַליין מיט זיך.

תמיד, אַ חוץ אַן איין איינציק מאָל. דאָס איז געווען מער ווי פאַר פיפציק יאָר צוריק. איך בין אַוועק פון וולאַדיוואָסטאָק, אין רוסלאַנד, אַרבעטנדיק אויף אַ פאַרשטונקענער שיף, וואָס איז געפאָרן אויף די דרום ימים פאַרביי דעם ים פון יאַפּאַן און די ריו־קיו אינזלען. די שיף האָט געהאַט דעם נאָמען וואַרוואַרא. דער קאַפיטאַן איז געווען אַ חזיר, און די מאַנשאַפט איז אויך באַשטאַנען פון לויטער חזרים. דער צוועק פון דער נסיעה איז געווען צו פירן אַ האַנדל מיט די אינזלען.

מיר האָבן געפירט טיטין, קרעלן, העקלעך וואָס האָבן נישט געהאַקט, און אייניקע פעסער בראַנפן. דאָס דאָזיקע מיסט האָבן מיר בדעה געהאַט אויסצובייטן פאַר אַזעלכע זאַכן ווי פערל — ווייל אונזערע ווייסע פרויען האָבן ליב צו באַהענגען זייערע העלזער מיט די דאָזיקע קליינע, ווייסע חולאתן פון די איסטריגעס בייכער. און די דרום ימים זענען פול מיט פערל און אַנדערע שמאַכטעס.

הכלל, ס'איז געווען אַ שלימזלדיקע נסיעה. איידער מיר זענען אַרויס פונם יאַפּאַנישן ים האָבן מיר אָנגעטראָפן אַ שטורם, און די שיף האָט־געפוילט און די לאַדונג איז נישט געווען ריכטיק פאַרטיילט. אַזוי, אַז ווען די ווינטן האָבן זיך געשטילט זענען מיר געווען אין אַ פּאַסקודנע לאַגע. יעדער איינער האָט געטענהט, אַז ס'איז הוילע משוגעת צו פאָרן ווייטער, אָבער דער קאַפיטאַן האָט געשוואוירן, אַז ער וועט אַריינשיסן אַ קויל אין די קישקעס דעם ערשטן מאַן, וואָס וועט זיך דערוועגן אויפצוהייבן אַ קול.

מיך האָט עס נישט געאַרט. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז, ווער עס זאָל נישט שטאַרבן, איך וועל בלייבן לעבן. האָבן מיר רעפּאַרירט די וואַרוואַרא אויף וויפל ס'האָט זיך געלאָזט און זענען ווייטער געפאָרן. און אַזוי האָבן מיר געליטן שיפברוך. פרעגט נישט וואו מיר האָבן זיך געפונען, איך ווייס עס אַליין נישט. ס'איז געקומען אַן אַנדערער ווינט, האָט געשטורמט ווי דער טייוול אַליין אין גיהנום און ס'האָט אויסגעוויזן ער וועט אונז צעשמעטערן ווי אַ באָמבע.

דער סוף איז געווען, אַז די מאַנשאַפט, די חזירים און אידיאָטן, האָבן



אויפגעגעבן די האָפנונג. האָבן אויפגעבראָכן אַ פלאַש וואָדקאַ און געטרונקען פון די דלאָניעס בשעת די שיף איז אונטערגעגאַנגען. זיי זענען געשטאָרבן זינגענדיק פון זיסע קושן, בלאָ־אייגיקע מיידלעך, און ליבע אויף די פעלדער, בעת די הייפישן האָבן זיך געזאַמלט אַרום זיי ווי דאַמען פון הויכער געזעלשאַפט אַרום אַ מיליאָנער.

דאָס איז געווען זייער סוף. גוט. דער קאַפיטאַן אָבער, ווי איך האָב מיר משער געווען, האָט אַכטונג געגעבן אויף זיך. ער און דער ערשטער אָפיציר זענען אַריין אין דעם איינציקן רעטונגס־שיפל, וואָס איז איבערגעבליבן.

ס'איז איבריק צו זאָגן, אַז איך בין זיי נאָך. זיי האָבן אפילו שוין געטראַכט מיך אַרויסצוואַרפן, נאָר עס איז תמיד געווען עפעס אין מיין פנים וואָס האָט געצוואונגען מענטשן נאָך אַמאָל זיך צו פאַרטראַכטן איידער זיי נעמען זיך שפילן מיט מיר. די כוואַליעס זענען נאָך געווען הויך, אָבער האָבן זיך ביסלעכוויז גענומען באַרואיקן. אונזער שיפל האָט זיך געהויבן ווי אַ קאָרק אין דער לופטן און ווידער אַראָפגענידערט צווישן די שפיצן בערג גרין וואַסער.

יאָ, דער ים איז זער מעכטיק. דאָס סאַמע לעצטע וואָס איך האָב געזען פון אונזער שיף, איז געווען אַ סאָרט שוים פון ברעקלעך האָלץ. גוט. דערנאָך בין איך איבערגעבליבן אַליין מיט די אַנדערע צוויי אין שיפל. און זיי זענען פעסט געשלאָפן, אויסגעמאַטערט. בין איך אויך איינגעשלאָפן. דאָס איז געווען פאַרטאָג. איך האָב מיך אויפגעכאַפט מיט דער זון אויף מיין פנים. ס'איז געווען ווי די טיר פון אַ קאַלך־אויוון וואָלט געשטאַנען אָפן בשעתן אַרויסנעמען צעשמאָלצן אייזן. דער קאַפיטאַן האָט זיך אויך אויפגעכאַפט און אַ זאָג געטון: „עפן דעם קאַסטן און דערלאַנג מיר דאָס וואַסער."

איך האָב אַזוי געטון, דאָס הייסט, האָב אים דערלאַנגט איינס פון די צוויי פעסעלעך אין קאַסטן און אויך אַרויסגענומען אַ טוגדל סוכאַרעס.

ער און דער אָפיציר האָבן געטרונקען ווי פיש, און דערנאָך מיר דערלאַנגט דאָס פעסעלע. איך האָב אויך געטרונקען. דערנאָך האָבן מיר געגעסן סוכאַרעס. די זון איז געשטאַנען אַלץ העכער. מיר זענען געלעגן און געהעשעט. אין פעסעלע איז פאַרבליבן בלויז אַ האַלבע קוואַרט וואַסער. און ווייסט דער טייוול וואו מיר האָבן זיך געפונען. איך האָב גאָרנישט געזאָגט. דער טאָג איז פאַרגאַנגען און דאַן די נאַכט, און דערנאָך ווידער אַ טאָג. דאָס פעסעלע איז געווען טרוקענער ווי ביינער אין אַ מדבר.

„דאָס צווייטע פעסעלע," האָט דער קאַפיטאַן באַפוילן.

איך האָב אים אָנגעקוקט און געזאָגט: „עס איז נישטאָ קיין צווייט פעסעלע."

ביי די ווערטער האָבן זיי זיך אָנגעקוקט איינס דאָס אַנדערע ווי גנבים אין אַ מלינה ווען זיי הערן די פאָליציי ברעכט איין די טיר. און אַן אַרט פאַרצווייפלונג איז געקומען אויפן אָפיציר און ער האָט גענומען דעם קאָפ צווישן די הענט און זיך ביטער צעוויינט — נאָר ער איז געווען צו אויסגע־

טריקנט, אַז עס זאָלן אים האָבן איבערגעבליבן אַ סך טרערן.

די נאַכט האָט געדויערט הונדערט יאָר. און דער צווייטער טאָג איז געקומען ווי אַ פלאַמענוואַרפער און דער אָפיציר איז פון זינגען אַראָפּ און אַריינגעשפּרונגען אין ים אַריין. און די הייפיש זענען געווען זער צופרידן מיט אים. און דער קאַפּיטאַן איז משוגע געוואָרן און שווער געדעכעט און צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן געוויינט נאָך וואַסער.

שפּעטער איז אויך ער נעלם געוואָרן. פּלוצים האָט זיך אים געדוכט, אַז דער בלאָער ים איז גאָר אַ טייך צו וועלכן די פייערטעס פון זיין דאָרף פלעגן גיין וואַשן זייער וועש. און האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער דער זייט פון שיפל. הייפיש האָבן אַ טבע אַ שפּרונג צו טון און כאַפּן זייער רויב. זיי האָבן אים געפּאַקט. זיין נאָמען, אויב איך געדענק ריכטיק, איז געווען אווערטשענקאָ.

נאָר וועמען אַרט עס?

אַזוי בין איך איבערגעבליבן איינער אַליין אין שיפל. איך האָב געטרונקען דאָס וואַסער שלוקנווייז, און געגעסן די סוכאַרעס. מיך אַרט נישט צו בלייבן אַליין. איך האָב פיינט געזעלשאַפט.

נאָר צו זיין איינגעזעצט אין דעם קליינעם שיפל, וואָס הויבט זיך און פאַלט און הויבט זיך און פאַלט, מיט גאָרנישט ווייטער אַ חוץ דעם הימל ווי אַהוין בשעת אַ שׂרפה... גראָד דעמלט האָט זיך מיר פאַרוואָלט האָבן הברותא. איך האָב קיינמאָל פריער נישט געהאַט אַזאַ געפיל. און אפשר האָט די זון דאָס אַזוי געווירקט אויף מיר.

איך האָב געהאַלטן אין איין אויסקוקן מיט מיינע פאַרשרפטע אויגן, און גאָרנישט געזען אויסער דער פאַרשאַלטענער ליידיקייט אַרום. די דאָזיקע פּאַסקודנע ליידיקייט פאַרן פייער און זאַלץ... און ס׳האָט מיר אויסגעזען, אַז אַ-לאָך איז געווען אויסגעבויערט ביי מיר אין האַרצן, און אַ חלק פון דער שטילקייט און ליידיקייט איז אַריינגערונען אין מיר גופא.

גאַנצע טעג בין איך אַזוי אָפּגעלעגן, טרינקענדיק דאָס וואַסער טראָפּנווייז. און מיטאַמאָל איז מיר מער נישט איבערגעבליבן ווי דאָס לעצטע קוואַטירל וואַסער און די לעצטע סוכאַרקע. און אויך דער לעצטער פאַדעם וואָס האָט מיך געהאַלטן פאַרבונדן מיט דער וועלט. איך האָב געוואוסט, אַז אין אַ טאָג אַרום וועל איך אויך אָנהויבן צו זינגען און פּלאַפּלען וועגן שניי און גראָז און ביימער.

נאָר איך האָב איבערגעבראָכן די דאָזיקע לעצטע סוכאַרקע, זייענדיק אַנטשלאָסן צו בלייבן לעבן אַזוי לאַנג ווי כ׳וועל קענען, מחמת עס איז אַ מענטשנס חוב זיך צו ראַטעווען. איך זאָג, איך האָב איבערגעבראָכן די סוכאַרקע און אַ וואָרעם איז אַרויסגעקראָכן. איך האָב אים נאָכגעקוקט. ער איז געקראָכן איבער מיין האַנט, אַראָפּגעפאַלן אויפן שיפלס באָדן און געזוכט אַן אָרט וואו זיך צו באַהאַלטן.

איך האָב אים נאָכגעפאָלגט מיט די אויגן, האָב אויסגעשטרעקט אַ פינגער



און נישט געלאָזט ווייטער גיין. ער איז מיר אַרויפגעקראָכן אויפן פינגער און געלאָפן איבער דער דלאָניע, דאָרטן זיך אָפּגעשטעלט, טועגדיק עפּעס מיט די פיסלעך. איך האָב אַרויפגעלייגט די אַנדערע האַנט, כדי אים צו שיצן פון דער זון, און ער איז שוין דאָרט פאַרבליבן.

איך האָב צעקרישלט אַ ברעקעלע סוכאַרקע און — כאַפּט עס דער רוח — האָב בפועל ממש באַנעצט די קרישקעלעך מיט אַ פינגער וואָס כ׳האָב איינגעטונקען אין וואַסער. איך האָב געוואָלט דער וואָרעם זאָל בלייבן מיט מיר. ס׳האָט מיר געגעבן אַ געפיל, אַז די גאַנצע וועלט איז נאָך נישט טויט, און אַז עס געפינט זיך דאָך נאָך יבשה אויף יענער זייט ים, דעם זאַלציק רוצחישן ים.

אַזוי אַרום איז דער אַנקומענדיקער שנעון פון מיר אוועק און די נאַכט איז געקומען מיט אַ קילערער לופט. און דער וואָרעם האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטן ביי מיר אויף דער האַנט, וואָס כ׳האָב מיך נישט דערוואויגן צו רירן פון אָרט אויס מורא טאָמער דערשרעקט ער זיך און אַנטלויפט. און די נאַכט איז גיך פאַרביי ביז זי האָט זיך געשפּאַלטן — מיין לעצטע נאַכט — געשפּאַלטן ווי מיין לעצטע סוכאַרקע און אַריינגעלאָזט דעם באַגינען. און צום ערשטן מאָל אין לעבן, נאָר אויף אַ רגע, האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז איך בין אויך קליין און ליג, אַזוי צו זאָגן, אין דער דלאָניע פון עפּעס אַ האַנט, וואָס איז גענוג מעכטיק מיך צו צעקוועטשן.

איך האָב געקוקט איבערן וואַסער — ס׳איז געווען רואיק ווי גלאָז — און דערזען אַ פויגל. דער פויגל איז געווען פון אַ נאָרוועגישער שיף. נאָר איך בין געווען צו שוואַך צו געבן אַ סיגנאַל. אין קאָפּ האָט זיך מיר געדרייט און ס׳איז געפאַלן אַ חושך. און איך האָב מער גאָרנישט געוואוסט ביז כ׳האָב פאַרזוכט דעם טעם פון וואַסער, און מיך געפונען ליגן אויף אַ דעק און אַרויפקוקן אויף אַ פנים אַזוי רונדיק און רויט ווי די זון, דאָס פנים פון אַ מענטש מיט אַ געלער באָרד.

אַרום מיר זענען געשטאַנען בלויז מענער. אַלע האָבן מיר אָנגעבאָטן מלבושים, בעטגעוואַנט, עסן, טרינקען, מיטגעפיל. נאָר איך האָב געקוקט אויף דער דלאָניע. דער וואָרעם איז מער נישט געווען. איך בין געווען פאַרלוירן און איינער אַליין אויפן ליידיקן ים אין אַ ליידיק שיפל פערציק טעג און פערציק נעכט.

נאָר ווען כ׳האָב דערזען, אַז דער וואָרעם איז פאַרשוואונדן, האָב איך דעמלט, דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, זיך געפילט איינזאַם.

פון ענגליש: א. אלמוג.

## נחום שטענצל

# אימפארט מעבר־לים...

(אין שייכות מיטן אנקומען פון יידישע קינדער פון די לאגערן אין פוילן)

פאראַרען וועניק לענדער וואָס זענען נישט אָנגעוויזן איינס אויף דאָס אַנדערע אין זייער עקאָנאָמיע; ס'מוז כסדר אַנגיין אַנאויסטויש סיי פון רוי־מאַטעריאַלן, סיי פון פאַרטיקע פּראָדוקטן צווישן זיי אַלעמען.

ס'איז שוין נאָר אַנ'אַנדערע פראַגע צו אַ לאַנד, אין אַ נויט־פאַל, לאָמיר זאָגן אין אַ מלחמה, קען זיין אַ „חי הנושא את עצמו", בשעת עס איז אַרומגערינגלט און באַלאַגערט פונם שונא פאַר אַ לענגערער צייט; צי דאָס לאַנד איז דעמלט פעהיק און בכח מיט איינענע מיטלען אַרויסציציען חיונה פון איר ערד.

קיקנדיק פון אַט דעם שטאַנד־פונקט איז דאָס גרויסע ענגלאַנד — כ'מיין בלויז די אינזל, אָדער די „בריטישע אינזלען", ווי ס'רופט זיך אינם אָפיציעלן לשון — די איינציקע וועלט־גרויס־מאַכט וואָס, אין פאַל פון אַזאַ סכנה, קען זי זיך נאָר דערהאַלטן ביים לעבן, ענטוועדער דורך געוואַלטיקע שפּייכלערס פון עסן וואָס קענען קלעקן אויף אַ לאַנגער צייט, אָדער דורך אירע קריגס־שיפן וואָס האַלטן אָפן די קאָמוניקאַציע־ליניעס קעגן דעם שונא'ס פאַרזוכן זיי אָפּצושליסן; טאָמער, חלילה, קומט אַ מאָמענט, ווען ביידע, סיי די שפּייכלערס, סיי די קריגס־שיפן קענען נישט טון זייער עבודה, און עס געלינגט דעם שונא אַרומצורינגלען די אינזל פאַר אַ לענגערער צייט, איז אַלצדינג פאַרלוירן — ווייל ענגלאַנד מוז אימפּאָרטירן שפּייז פון מעבר־לים.

פאַרוואָס דאָס איז אַזוי? דאָס איז שוין אַ זאַך וואָס האָט צו טון מיט ענגלאַנדס געשיכטע און טאָקע מיטן פאַקט וואָס זי איז אַנ'אינזל. פון די ערשטע שיפלעך וואָס עס האָבן געבויט די היינטיקע ענגלענדערס עלטערזיידעס־פּיראַטן, און מיט זיי אַרויסגעפאָרן אין דער ברייטער אָפענער וועלט, כדי צו ראַבעווען געלד מיט לענדער, האָט זיך שפּעטער אַנטוויקלט די שטאַרקע מעכטיקע ענגלישע האַנדלס־און קריגס־פלאָטע; דאָס היינטיקע ענגלאַנד, (ד.ה. אירע שיפן), האָט נישט מער נייטיק צו ראַבעווען, סתם אַזוי; זי קען שוין מיט אירע שיפן אַריינברענגען דאַ אַהער שפּייז און פון אַלרעם־גוטן, און דערפאַר באַצאָלן מיטן געלד וואָס זי האָט שוין פון לאַנג קונה געווען במשיכה... ענגלאַנד האָט זיך דערפאַר קאָנצענטרירט אויף אינדוסטרי — ווייל זי איז געווען רייך אין קוילן — און אַזוי אַרום פאַרנאַכלעסיקט איר ערד; ס'האָט זיך נישט־געלוינט מער צו אַקערן און זייען די פעלדער, ווייל שפּייז קענען די שיפן אַריינברענגען בעסער פון דרויסן, פון מעבר־לים, וואו אַרבייט איז אַסאַך ביליקער.

אין די צוויי לעצטע וועלט־מלחמות האָט זיך ענגלאַנד נישט איינמאָל געקניפּן אין דער באַק, הלמאי זי האָט געקענט זיך פאַרגעסן אַזוי ווייט און



נישט טראַכטן וואָס עס וועט געשען אין פאַל פון באַלאַגערונג — אַז זי קען זיין געצוואונגען זיךאונטערצוגעבן דעם שונא, ווייל זי איז נישט קיין „חי הנושא את עצמו".

אָבער ביז איצט איז ענגלאַנד געווען אַ געוואַלטיקער בר־מזל; זי איז פון ביידע וועלט־מלחמות אַרויס בשלום, נישט קוקנדיק אויף דעם אויבנדערמאָנטן פאַקט.

* * *

אַ קיינן וואָס איז דאָס אַלץ געזאָגט געוואָרן? — אַ קיינן דעם וואָס ביי אונז מענטשן איז פאַראַנען אַזאַ מין זאַך ווי „גייסטיקע שפּייז". און זענען עס דאָך געווען מיר יידן די ערשטע וואָס האָבן פּראָקלאַמירט צו דער וועלט אַז „לא על הלחם לבדו יחי' האדם", אַז דער מענטש מוז אויך האָבן גייסטיקע שפּייז אויב ער וויל קומען צו דער מדרגה פון דעם וואָס עס רופט זיך „אדם". אדם האָט דאָך דעם שורש אין אדמה; ער מוז טאַקע וואָרצלען אין דער ערד, זיך שפּייזן מיט איר שפּייז — אָבער ער מוז אויך האָבן ריינע לופט, ער מוז איינאָטעמען דעם טוי פון הימל, אויב ער וויל ווערט זיין זיך צו רופן מענטש.

דעם פּרינציפּ פון „אם אין קמח אין תורה אם אין תורה אין קמח". האָבן דאָך מיר יידן אויפגעשטעלט. אַפּנים אַז די צוויי שפּייזן, די מאַטעריעלע און די גייסטיקע מוזן גיין צוזאַמען, האָבן אַ ענגן שייכות איינס מיט דאָס אַנדערע.

דאָ ליגט אפשר די סיבה פונם פאַקט אַז ענגלאַנד, אין די לעצטע יאָרהונדערטער, האָט געגנוי אַזוי ווי ברויט, אויך געמוזט אימפּאָרטירן גייסטיקע שפּייז. פון אונזער „בייבל" איז שוין אָפּגערעדט; אָבער כמעט אויף אַלע געביטן פון קולטור האָט דאָך ענגלאַנד לעצטנס געלעבט פון אימפּאָרט — צונוצנדיק און דערגענצנדיק עס בלויז מיט איינענע־קולטורווערט'ס דאָ אין לאַנד...

* * *

די ענגלישע אינזל לעבט פון אימפּאָרטירטע שפּייז — סיי פון קמח סיי פון תורה.

און „אַזוי ווי ס'קריסטלט זיך אַזוי יידלט זיך", ליידער. טראַכטנדיק וועגן דעם אויבן־געזאָגטן, האָב איך ערשט אָנגעהויבן משיג זיין דעם טראַגישן גייסטיקן מצב פון אונזער יידישן ישוב, דאָ אויף דער ענגלישער אינזל.

פונקט אַזוי ווי די ענגלענדער, אַזוי האָט אויך דער יידישער ישוב דאָ, אינם גאַנצן פאַרלויף פון זיין געשיכטע, זיך גייסטיק געשפּייזט פון אימפּאָרטירטע שפּייז. געגנוי אַזוי ווי ביי דער גרויסער ענגלאַנד, האָט דער „רייכער" יידישער ישוב, געלעבט און געצויגן זיין גייסטיקע יניקה פון מעבר־לים — פון שפּאַניע־פּאָרטוגאַל, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, פוילן, ליטע, רוסלאַנד — פון אימפּאָרט...

און אויך דאָ איז דער ענגלישער יידישער ישוב, קען מען זאָגן, געווען אַ בר־מזל. נישט איינמאָל האָט עס אויסגעקוקט אַז אָט־אָט, און דער זאַפּאַס

לאָזט זיך אויס, ווייל ענטוועדער זענען די גייסטיקע שפּייכלערס שוין אויסגעלערט אָדער קיינע פרישע אימפּאָרטן זענען נישט אַריינגעפירט געוואָרן; און שטענדיק, בעת עס האָט שוין געהאַלטן ביי די מ״ט שערי טומאה, איז געקומען די ישועה. ערגעצוואו האָט מען געמאַכט אַ פּאָגראָם אויף יידן, און אַ פרישער אימפּאָרט איז אַריינגעקומען קיין ענגלאַנד... אַזוי איז געווען ביז אַהער. און דער יידישער ישוב דאָ האַלט נאָך אַלץ אין איין לעבן פון אימפּאָרט. פאַר דער מלחמה איז געווען אַ גרויסער טראַנספּאָרט מיט פרישע שפּייז־זרעים, און „פּערטיליזוערס“...

איצט נאָך דער מלחמה, קומען ווידער צו גרויסע, טייערע, רייכע טראַנספּאָרטן אַזעלכע; יידישע גייסטיקע מענטשן, יידישע קינדערלעך פון די קעמפּס און פון פּוילן. דאָס איז נישט בלויז שפּייז אויפצועסן און צו פאַרקייען און פאַרדייען! אַזוי ווי עס איז ליידער געשען ביז אַהער!

דאָס איז הייליקע זריעה, אָנשעצבאַרע, פון יעדן זאַמענדל אַזוינס קען אַרויסקומען אַ פרישע דור, אַ יידיש. אויב מ׳וועט וויסן ווי עס צו פאַרפלאַנצן! און עס אָפּצוהיטן, — ספּעציעל פון קעלט און פראָסט!

דער יידישער ישוב דאָ אין ענגלאַנד האָט איצט אַ געוואַלטיקע „טשאַנס“ און הויכע, הייליקע אויפגאַבע לגבי דעם יידישן פאָלק און זיך אַליין; וועט דער ישוב דאָס מאָל זיין שטאַרק גענוג, און באַוואוסט. פון אַט דער גרויסער הייליקער אויפגאַבע און מיסיע? —

ווייל קיין נייע פרישע אימפּאָרטן זעט זיך נישט מער פון וואַנעט זיי זאָלן אַהערקומען; און אויב, דאָס מאָל, וועט מען נישט פאַרקאַטשן די אַרבל, אַקערן און פאַרזייען, וועלן מיר חלילה אויסגיין פון הונגער!

## לכבוד דוד פינסקיס יובל

### 1

מ׳מוז זיך מער פאַרטיפן אין דער יידישער ליטעראַטור פון די יאָרן 1905־6, כדי צו קענען פאַרשטיין דאָס גרויסע נס פון די 5,000,000 לעבעדיקע יידן איצט אין אַמעריקע, משיג צו זיין זייער יידיש־נאַציאָנאַל־און געזעלשאַפטלעכן כוח, און זייער יידיש גייסטיקן און קולטורעלן פאַרנעם.

און דער ערשטער שליח, פונם באַוואוסטן אייראָפּעאישן יידנטום, באַוואוסט אין זיין שליחות און אחריות, איז געווען דוד פינסקי. ער איז שוין מער נישט געווען יענע שטאָפּעטן־טויב. וואָס פליט אַהין און אַהער מיטן פאַרליבטן בשורה־בריוועלע — אַראָפּגעוואָרפן עס און מיט שרעק צוריקגעפלאַטערט! געפינענדיק אַ שטיקל ישוב, מיט אַ פּיצעלע באָדן אונטער די פיס, מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ, האָט זי זיך איינגעניאַזדיקט דאָרט מיט איר טראָגנענדיק שליחות, מיט איר וואָרקענדיקע בשורה.

און יענע יאָרן בשעת י. ל. פרץ האָט זיך אַריינגעוואָרפן בלב ונפש מיט זיין גאַנצער שעפערישקייט און התלהבות, און מיטגעצויגן מיט זיך דעם



יינגען שאַפנריקן, ווי אַן אַקטיוון יידישן פאָלקס כוח, אין יענער שבת־יום־טוב־עפּאָכע פון די „יום־טוב־בלעטלעך“, איז דוד פּינסקי געווען זיין רעכטע האַנט. און אַט־אָ די האַנט טאַקע, אַז זי זאָל ווייטער שמידן די גאָלדענע קייט“. — די יד החזקה! — האָט זיך איבערגעוואָרפן איבערן אָקעאַן.

וואָס וואָלט „האַצמאַך“ געקענט אויפטון אין אַמעריקע, נאָכדעם ווי ער האָט שוין געהאַט אָפּגע׳מנחם־מענדלט אויף אַלע בערזשעס אין אייראָפּע, אַ חוץ ווי זיך אַרומדרייען אַ פאַרמאַטערטער מיט זיין שוין צעריסענעם שירעם; העכסטנס זיך ווידער אַריינדרייען אין עפּעס אַ רומענישער גאַרקיך און איינמאָל פאַר אַלעמאָל זיך זאַט אָנצועסן...

מיטן יידישן שטעטל, מיט אָפּגעשטאָרבענעם, מיטן פאַרטיליקטן אַצינד, שטאַרבט מיט־אַפּ. ווערט מיט פאַרטיליקט דער יידישער פאָלקלאָר, וואָס ס׳בלייבט דערפון, איז העכסטנס ווערטפולע רוי־שטאָף פאַרן געלערנטן און פאָרשער און אַ וועג צום לאַכן פאַר „עסך“. דאָס טיף פילאָזאָפישע, דאָס שאַרפזיניקע עמקותדיקע פונם שעפערישן פאָלקס־זשעני, אַז עס ווערט נישט אידעאַלאָגיע גייט עס אונטער צוזאַמען מיט זיינע שאַפער. דערמאָלט אָבער, ווען ס׳איז בכוח צו ווערן, מעטאָדע, אַנשויאונג אידעאָלאָגיע, קערנדיקע מחשבה, אַרערדיקער אַדורכגעטראַכטער רעיון ווערט עס חושימדיק, ווערט עס גייסטיקער גוף, וואָס איז פּושט ולובש צורה.

נצחיות אַליין איז נאָך נישט גייסטיק מענטשלעך לעבן, פונקט ווי רעוואָלוציע אַליין איז נאָך נישט סאָציאַליזם — מיט ברייטע פּלייצעס, מיט ערלעכע כוחות מוז עס אויסגעטראָגן ווערן!

דאָס האָבן געוואוסט אונזערע גרויסע קלאַסיקער און דאָס ווייסן אַצינד אונזערע גרויסע שרייבער.

אַ „יענקל דער שמיד“ קאָן מען שוין שיקן וואו די וועלט נאָר האָט אַן עק! „יענקל דער שמיד“ האָט אַ שווערן האַמער אין דער פעסטער האַנט צו געבן איבערן קאָפּ, ווען ס׳איז נויטיק — אפילו איבער זיין אייגענעם קאָפּ! זיין האַרץ איז דער אַמבאָס ווייטער צו קאָווען דעם יידישן המשך, אידער דאָס פייער גייט אויס...

און אַז די יענקל די שמידס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן פילן זיכער אין זייער כוח, פילן היימיש אויף דעם נייעם באָדן — די געשאַפענע אַטמאָספערע אַרום זיי איז געוואָרן דער בלאָז־זאַק דאָס פייער אויפצובלאָזן: זיכער אַז דער מיט־זיך מיט־געבראַכטער פונק וועט שוין אויפקיינמאָל נישט ווערן אויסגעלאָשן!

דעמאָלט אַז די יענקל די שמידס זיינען שוין געווען איינגעזעסענע, פאַרפעסטיקטע. אויף זיכער באָדן, האָט לייוויק געקאָנט גולמדיק בלעטערן, אַן שרעק, אַן יעדער געפאַר אויף זיין שטאָלצן־מאָלער־לייטער, אויף זיין אויסגעחלומטע יעקב לייטער, ווייטער צוטראָגן, דעם אויסגעלייטערטן פּרעציזן רעיון, דעם הומליש־גייסטיקן, נישט מורא האָבנדיק, אַראָפּצופאַלן, אָדער פאַרלירן זיך אין הוילן גאָר נישט. אין לייריקן ליידיקן וואַקואום...

דער עפּישער־דערציילער דוד פּינסקי, דער רעאַליסט־דראַמאַטיקער איז אַ פּעטעער שטאַם אין אונזער ליטעראַטור, אַ צעצווייגטער טענענבוים, וואָס זיינע וואָרצלען זיינען נאָך פאַרפלאַנצט ביי גיעמען ברעג פון וואו אונזערע קלאַסיקער האָבן געזויגן פונם לעבעדיקן מים־חיים.

2

די יובל פייערונג לכבוד דוד פּינסקי, צום 40־טן געבוירנטאָג פון זיין „יענקל דער שמיד“, איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג און ה. לייוויקס ביי־זיין האָט אַ סך צוגעשטייערט סיי צו דער שמחה פון דער פייערונג און צום אויפפירן פונם שטיק.

אַלע שוישפּילער, דער גאַנצער אַנסאַמבל, האָט געוויזן וואָס זיי קענען; און זיי האָבן געהאַט וואָס צו ווייזן, ווייל ס'איז געווען פאַר וועם.

אַקסעלראָד און שערמאַן אונזערע צוויי לאַנדאַנער אַקטיאָרן, תלמידים נאָך פון אברהם גאָלדפאַדן, און קלאַרא מייזל און אַנאַ בוים, די מחותנים פון ביידע צדדים, די שרכנטע מאַרי גאָלדשטיין, האָבן זיך אָפּגעוואַשן פון שאַרויש פון אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר. — וואָרים אין וועלכער נאַכט פון יאָר שפּילט נישט אַ יידישער אַקטיאָר אַ מחותן! — און זיי האָבן געוויזן אַז זיי זיינען שוישפּילער מיט טאַלאַנט, מיט ווירטואָזיטעט, מיט אַמביציע. און אונזער ליבער מאיר צעלניקער, אַלס רפאל, האָט נישט נאָר מיט זיינע קאָמישע שטיק איינגעלייגט אַ וועלט, נאָר מיט זיין פיינער פּאַרטנערין מייטע סעגאַל איז ער אין דער היינטיקער נאַכט פון פסח געווען אַ בונה עילמות.

אָבער דער שטאָלץ אונזערער פון דער דאָזיקער נאַכט איז געווען אונזער ווילנער דוד סעגאַל, אין דער הויפּט ראָלע. מיט זיין פּרעציזקייט און אויסדויער צו קענען אויסאַרבעטן אַ כאַראַקטער ביז דער מינדסטער קליינינקייט, און מיט זיין „ליטעראַרישער“ אויפפאַסונג. — יעדע רגע צו ווים! ווי ער האַלט, אויף וועלכער שורה!...

האָט זיך סעגאַל באַוויזן מיט אַ „יענקל דער שמיד“, אַן אויסגעקאָכטן אויף דער קאָוואַדלע. ס'איז געווען אַ בעל יובל. אַ „יענקל דער שמיד“ אין זיין גאַנצער יוגנט. ווי אין זיין גלאַנץ־צייט — פונקן האָבן פון אים געשפּריצט, אַזש ס'האָט געפינקלט אין די אויגן.

און די טאַלענטירטע חנה צעלניקער אין איר עכטקייט און חנהעוודיקער לאַגישקייט איז אים געווען, — אים יענקלען דעם שמיד! — אַ געטריַיע פּאַרטנערין.

אין דער פּויזע האָט דער סעקרעטאַר פון פּראָפּאַגאַנדע קאָמיטעט פון „פריינט פון יידיש לשון“ באַגריסט דעם גרויסן גאַסט ה. לייוויק און דער פּאַרזיצער האָט גערעדט איבער דוד פּינסקי און איבער „יענקל דער שמיד“.

נאָך דער פיינער אויפפירונג האָבן זיך די שוישפּילער צוזאַמען מיט איינוקע יידישע שרייבער. און דעם קאָמיטעט פון „פריינט פון יידיש־לשון“ און די דירעקטאָרן פונם טעאַטער צו אַ גלעזל טיי מיט פאַרבייסן אַרום דעם גאַסט, דעם דיכטער ה. לייוויק.



דעם פּאַרויז האָט געפירט די וויצע־פּרעזידענטין פון „פריינט פון יידיש לשון“, די שוישפּילערין דאָרא דימאַנט.

די באַגייסטערונג און די פרייד, וואָס לייוויק איז גראָד אין אַזאַ פייערלעכן מאָמענט צווישן אונז האָט שיער געקענט פאַרשטעלן די אייגנטלעכע שמחה, די דוד פּינסקי פייערונג.

אָבער ה. לייוויק אין זיין לענגערער רעדע באַריַנדיק ברענענדיקע יידישע ענינים, וויכטיקע און אָנגעווייטיקטע, וועלכע גייען אונז אַלעמען אָן, וועגן דעם יידישן ישוב אין אַמעריקע, וועגן זיין נסיעה אין די דייטשע לאַגערן, וועגן, אונזער מאָגערער קולטור־טעטיקייט דאָ אין אונזער לאַנדאַנער ישוב איז גיך אַריבער צום סדר היום און וואָרעם דערציילט אונז וועגן דוד פּינסקין וועגן זיין אַקטיווקייט אין יידישער קולטור־אַרבעט און געזעלשאַפטלעכקייט. וועגן זיין עסטעטישקייט און פרישקייט וואָס ווירקט דערפרייענדיק אין דער שרייבערישער סביבה.

יאָ, אויך אויף אונז דאָ האָט עס געווירקט דערפרייענדיק און דערפרישט! און אויך דער אופן ווי לייוויק האָט עס דערציילט און זיין חברישקייט האָט אונז אַלעמען דערוואַרעמט.

אַפּיציעל האָבן באַקומען דאָס וואָרט צו באַגריסן דעם גאַסט אין נאָמען פונם אַנסאַמבל מאיר צעלניקער, אין נאָמען פון טעאַטער דער אָנפירער פון טעאַטער א. מייזלס און אין נאָמען פון פריינט פון יידיש לשון י. ביעמש.

מיט אַ שפּאָר ביסל פּערספּעקטיוונג האָבן מיר געפייערט דעם 70־טן געבוירן טאָג פון איינעם פון אונזערע גרעסטע איצט לעבעדיקע דראַמאַטורגן. אָבער איז עס דען אַ וואונדער? עס איז דאָך שוין באַלד אַ נס, אַז מיר דערמאָנען זיך נאָך אין אונזערע לעבעדיקע. אָבער דער באַוואוסטזיין אונזערער, אַז מיר מוזן לעבן ווייטער אָנגיין מיט אונזער אַרבעט, און אַז זיי די לעבעגעבליבענע שאַפער אונזערע זיינען די גייסטיקע קראַפט פון אונזער לעבן, דאָס גיט אונז דעם כוח.

און אַז מיר פייערן אַ גרויסן שעפערישן מענטש פון אַ יידישן ישוב, פייערן מיר דערמיט דעם גאַנצן ישוב. אויב דאָס אַמעריקאַנישע יידנטום האָט, מיט אַזויפיל צענדליקער יאָרן צוריק אויפגענומען אַ גייסטיקן און קעמפערישן כוח ווי דוד פּינסקי, און זיינע פליגל זיינען נישט געבראָכן געוואָרן און זיין אַרבעט האָט זיך נאָך ווייטער און שטאַרקער אַנטוויקלט איז עס אַ באַווייז פונם אַנטוויקלונגס בעגלעכקייט שעפערישקייט פון ישוב. און אינם כוח און אין די שיינקייט פונם שאַפער ווערט דער ישוב מיטבאַשיינט און מיטגעשטאַרקט. שיקן מיר אונזער ברכה פאַר דוד פּינסקין און אין זיין ברכה זאָל זיין מיטגעבענטשט דער יידישער אַמעריקאַנער ישוב.

**א.נ.ש.**

## י. ח. קלינגער

# ס. פאלמע. דער דיכטער „אין חלום-לאנד“...

(צו זיינע 30 יאר יידיש-זינגען)

אין 1916 איז עס געשען. יידישע קינדער. אין אלע עקן פון דער יידישער וועלט. האבן ווי שפיל-פייגעלעך אויף גרינגע, האפענונגפולע לאנקעס זיך צעזונגען מיט א נייעם ליד א.נ. „קינדער פון מארגן“. מען האט געזונגען דאס דאזיקע ליד. מען האט זיך דערמיט געפרייט און מען האט א שטיק צייט פארגעסן דעם מחבר פון דאזיקן ליד. דאס איז א גרויסער כבוד פאר אים. שוין ביים באגינען, נאך אזוי יונג געווען אין יארן און שוין געווען דער אנאנימער פאלקס דיכטער. דער דיכטער פארן מארגן. און צעזונגען האט ער זיך מיט א שפע פול מיט לעבן, פון פולער יונגער פרוסט און געזונטן אטעם:

„— העי!
ווו דארט הער איך א געשריי?
ווער-זשע זייט איר דארטן צוויי?
איר פארשייטע.
איר פארשמייטע.
ווער-זשע זייט איר דארטן צווי?
— מיר זיינען פון דעם מארגן,
זיינען-מיר.
צו א מארגן אן א זארגן
גייען מיר.
איבערוועגן, איבערשטעגן
שוועבן מיר.
איבער וועגן, איבער שטעגן
איבער ווייטע, גרינע פעלדער,
שאלן מיר:—
קינדער פון דעם מארגן זיינען מיר!“

באשערט אבער איז געווען, אז די יידישע קינדערלעך זאלן יא וויסן דעם נאמען פון מחבר פון זייער, מיט אפטימיזם איבערלאדענעם, ליד. ווי א שיינע לעגענדע לייענען מיר פון איינעם א ירידיה, א בחור וואס קומט צופארן פון ארץ ישראל און גלויבט אז ער ברענגט דאס ליד מעבר-לים אין גלות אריין. וויאזוי ער האט זיך אין 1928 אנגעשטויסן אויפן אוטאר פון דאזיקן ליד. אויף ס. פאלמע! (זע דעם זשורנאל „פרייע יוגנט“, אילוסטרירטער חודש-ארגאן פאר דער פראלעטארישער יוגנט, 5-טער יארגאנג, נומער 40 דערשינען אין ווארשע, מאי 1928).

צו דער זעלביקער צייט. ד.ה. אין 1916 נאך. דרוקט ס. פאלמע זיינע לידער אין פערשיידענע יידישע זשורנאלן. אין לאנדאן דערשיינט צו דער



דעמאלטיקער צייט א זאמלבוך „דאס נייע לעבן“ אין וועלכן ער לאזט אונז וויסן אז:

„...איך בין שוין גרויס און שרעק מיך ווייניק,
כ'בין אליין פון נאכט דער קעניג.
כ'בין בעוואכט!...
כ'בלאנזשע אום ווען אלע שלאפן,
שלאפן, אין שפעטער נאכט...“

אין זעלבן יאר דרוקט ער זיינעם א ליד (א סך לידער!) אין א ניו-יארקער יידישן זשורנאל „פרייע יוגנט שטימע“ און שאלט אוים:

„פריי בין איך
וויכטיק פריי
כ'האב פון טאג זיך אויסגעשיילט
און אין בלויער נאכט אריין
בין איך הערשער פון דער נאכט
לינן שטיקער בלויקייט ביי מיינע פיס.
און איבער מיין באפליגלטן קאפ“.

זיבער האט דער דערציילט ריים 23 יאר אלט געוועזענער ס. פאלמע זיך געקאנט איינרעדן, אז עס איז פאראן א גן-ערן התחתון. א גן-ערן דא אויף נאטס (שפעטער: אויף דער זינדיקער!) ערד. און „יוגנט איז טוגנט“ זאגט די וועלט א גלייכווערטל אזא.

אז מען איז יונג מיינט מען. און מען גלויבט אין דער אילוזיע. אז מען איז „וויכטיק פריי“ און מען איז ביי זיך כמעט ווי זיבער, אז נאט שיקט אראפ זיינע דריי מלאכים פון אויבן און ניט ווי איבער א שליחות צו לייגן שטיקער בלויקייט (הימלישע טעפיכער, א האנטארבעט פון אן אלטן פערסיא-נער — וואס דרייט זך ארום אן דאגות פרנסה אין נאטס נארטן!) ביים דיכטערס פיס“... אבער בעת מעשה ד.ה. בשעת ווער דיכטער דערלאנגט שוין א רייפע מתנה, א קראנץ רייפע, צעבליטע „רויטע רויזן“ 1) דערזעט ער נאכ-נישט ווי די פארפעסטעטע לאנדאנער פאגע-לופט לייגט נישט קיין שטיקער בלויקייט ביי זיינע פיס“. נאר זי גרייט פאר אים א שווערן פול מיט פיין און דערנער אויסגעקרימטן וועג. פאר אים. פאר זיין געזונט און פאר זיין אנדאלוזישער צעניינערפע, די פארשייטע און רייפע רויטע רויז, פאר זיין „לאלינא“. וועלכע וועקט אין אים אן ערשטן ציטער שטייענדיק:

„...ביי אן אויפגעפראלטן פענצטער,
האב איך היינט דאס ערשטע ליד
דער יוגנט אפגעזונגען:
א לויב צו מיין לייב וואס האט דעם ערשטן זיסן ציטער היינט
דערפילט.

1) „רויטע רויזן“ לידער פון ס. פאלמע — פארלאג „קונסט“, לאנדאן, 1924

און געזונגען.“ — — —

און מיט רעכט האָבן, אין 1924, זיך אָפּגערופן ק. מאַרמאָר אין „דער פריינט“, ניו־יאָרק; מאַטל, אינעם „דער יידישער זשורנאַל“, טאָראָנטאָ, און א. בעקערמאַן, אינם „פאַמיליע פריינט“ — וואַרשע.

דער ערשטער דערקלערט, אַז:

„יעדער קלאַנג, איז לאַלינאַ'ס טרויער“

און

„יעדע זילבע — פרישע פערל“ —

„לאַלינאַ'ס טרער“...

דער אנדערער, מאַטל, זאָגט, אַז:

„פּאַלמע, איז אַ טרוימער, אַ זוכער, אַ צעשטערער. ער זוכט און זוכט. עס איז נאָך ניט דאָס לעצטע וואָרט זיינס. מען דאַרף קיין קלוגער נים זיין, נאָכן אדורכלייענען די „רויטע רויזן“, צו זאָגן אַז ער פאַרנעמט אַ גאַנץ שיין ווינקל אין היכל פו דער יידישער פּאָעזיע“...

דער דריטער, אַ. בעקערמאַן, מיינט אַז:

„ערשטער ציטער“, איז דער ציטער פון אַ יונגן „געזונטן לעבן פון וועלכן ס'ענטפּלעקן זיך אַלע זיינע קוואַלן פון נענוס און לעבנס־גליק...און ער זינגט אַ לויב דער יוגנט.“

זיין „לאַלינאַ“ איז אַ גרויסער געווינס פאַר דער נייער דיכטונג. דאָס בוך איז אַ דערפרייענדיקע דערשיינונג אין אונזער פּאָעזיע. וועלכע איז נאָך אַלץ אַזוי אָרים און דאָס דערשיינען פון דאָזיקן בוך אין לאָנדאָן איז באמת אַ שטראַל אין דער מדבר“...

אָבער ס. פּאַלמע האָט געזינדיקט ווייל ער האָט פאַרגעסן אַז אַ שטראַל אויב ער בלייבט אין אַ מדבר, אַזאַ ווי לאָנדאָן, איז אַ סכנה אַז אָדער דער שטראַל זאָל דאָ פאַרלאָשן ווערן, אָדער אַז עס זאָל דויערן נאָר לאַנג ביז אַ וואַנדערער זאָל דאָ אַ צווייט מאָל פאַרבייגיין און דעם שטראַל באַמערקן...

טאָ איז ער דאָ געבליבן זיצן שטאַרקע 30 יאָר און דערלאַנגט אונז „קינדער פון שטורעם“ (1927) אַ נאָוועלע אַזאַ מין פּאָעזיע אין פּראָזע, בעת אין ווילנע האָבן ש. באַסטאָמסקי און מ. חיימסאָן ארויסגעגעבן אינעם ווילנער פאַרלאַג „נייע יידישע פאָלקס־שול“ אַ רייע לערן־ביכער, די ברעסטאָמאַטיע „לעבעדיקע קלאַנגען“; און אין אַלע אויסגאַבעס געלערנט דעם יידישן דור לידער פון ס. פּאַלמע. נאָך אַ לאַנגער הפסקה איז ווידער דערשינען „פאַרוויסטע ערד“, לידער און פּאָעמעס און פון צייט צו צייט באַווייזט זיך אויף די שפּאַלטן פון „די צייט“ ס. פּאַלמעס „מלחמה לידער“. און דער סך־הכל? דער ס“ה פון זיין זינגען דאָס יידישע ליד דאָ אין לאָנדאָן? וויאַזוי פילט זיך דער דיכטער דאָ אין לאָנדאָן און וואָס איז דער שכר זיינער פאַר ניט וועלן פאַרלאָזן דעם הינן מדבר?

דאַרויף איז שווער צו ענטפערן, און נישט צו פאַרטשעפּען די דאָזיקע, וועלכע האָבן געוואָרט אַז דער דיכטער זאָל קומען אַנקלאַפּן אין זייער פאַר־



שמירט פענצטערל און דערמאָנען זיי: „רבותי, פון יענעם טאָג אָן זיינען דרייסיק ווינטערן איבער מיין רוקן געקראָכן און געבליבן איז מיר דער פראָסט אין מיינע קראַנקע ביינער“... נאָר, סע מאַכט ניט אויס! מיר האָפן אַז ס. פּאַלמע וועט ווייטער אַנגיין מיט זיין דיכטערישן שאַפן און בלייבן געטריי זיין „אין חלום לאַנד“ אידייע. סוף כל סוף איז לעבן און שאַפן „אַ קינדער שפּיל“ און קינדער האָבן דעם כוח עוולות צו פאַרגעסן.

## פּרץ פייערונג אין יידישן קולטור קלוב

זונטיק אָונט, דעם 28־טן אַפּריל, איז אין יידישן קולטור קלוב, 70 קייזבאַוו רויד, פאָרגעקומען אַ אינטערעסאַנטע י. ל. פּרץ פייערונג. צווישן די פאַר־זאַמלטע האָבן זיך געפונען יידישע שרייבער, קולטור טוער, שוישפּילער און בכלל אינטעליגענץ. אַלע קינסטלעכע בייטראַגן וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן זיינען געווען פון די ווערק פון באַרימטן אומשטערבלעכן שריפטשטעלער און דיכטער.

פאָרזיצערין ביי דער פייערונג איז געווען פרוי פייגל פייערשטיין, וועלכע האָט געעפנט דעם אָונט מיט אַ קורצע איינלייטונגס רעדע. זי איז נאָכגעפאָלגט געוואָרן פון דיכטער א. נ. שטענצל, וועלכער האָט רעפערירט איבער דער באַדייטונג פון י. ל. פּרץ נישט בלויז פאַר דעם פוילישן, נאָר פאַר דעם גאַנצן וועלט יידנטום.

שטענצל האָט זיך דאָן אָפּגעשטעלט איבער דעם יידישן באָדן און פאָלקס מענטש אין פוילן פון וועלכע פּרץ האָט געשעפּט זיין אינספּיראַציע און גייסטיק שעפערישע אוצרות, וואָס האָבן אַזוי שטאַרק באַרייכערט און דער־הויבן אונזער ליטעראַטור.

מ. ניסלבוים האָט זער געלונגען פאָרגעלעזן פון פּרץ ווערק. אין דער באַקאַנטער שוישפּילער ידל גאָלדבערג האָט באַגייסטערט די פאַרזאַמלטע מיט פאָרטראָגן „דער כשוף מאַכער“ און „נחת פון קינדער“. נ. רובין האָט דעקלאַמירט „די וועלט איז נישט קיין קרעטשמע“. און י. ראַכמאַן האָט פאָרגעלעזן „דער בלאָף“. סעם פעלטאָן האָט געזונגען „דאָס געבעט“ פון פּרץ.

צום סוף איז געקומען אַ סצענע „מוסר“. אויפגעפירט פון שרה פרידלענדער און מרס. א. סאָלאָמאָן. די אויפירונג איז געווען אַ זער געלונגענע און אָפּגע־שטעלט אַ טיפן רירנדן איינדרוק אויף די פאַרזאַמלטע.

אַלע באַטייליקטע אין דער פּרץ פייערונג זיינען באַדאַנקט געוואָרן מיט האַרציקע אָוואַציעס פאַר זייערע זער שיינע בייטראַגן. עס האָט די גאַנצע צייט געהערשט אַ מוסטערהאַפטע שטימונג.

מיט דעם אָונט האָט דער יידישער קולטור קלוב באַוויזן וואָס זיי קענען לייסטן אויף דעם קולטור און קינסטלערישן געביט. עס וואָלט געווען געווינטשן אַז דער קלוב זאָל יעדע וואָך אַראַנזשירן אַזעלכע שיינע ליטעראַרישע אָונטן און קאָנצערטן פון יידיש קינסטלערישן ווערט. פאַר נאָרט לאָנדאָן זיינען אַזעלכע אונטערנעמונגען אַ גרויסע נייטווענדיקייט.

א. פ.

קיטי בראון

## עטלעכע ווערטער וועגן די טאלאנטירטע שוישפילער עטא טאפל און מארק מארקאוו

עס איז אַ־אַנגענומענער כלל, אַז ווען אַ שרייבער נעמט זיך די אויפגאַבע צו שרייבן, אפילו בלויז עטלעכע ווערטער, וועגן אַקטיאָרן, שטעלט ער זיך אָמייסטן אָפּ אויף זייערע פעאיקייטן, פערזענלעכקייטן און זייערע דערגריי־כונגען אויף דער בינע.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס ווערט נישט געטון אין געוויינטלעכע פעלע. אָט די אַלע מעלות שרייבט מען זיי צו, צו דער פייערונג פון זייערן אַ יום־טוב, ווי למשל, אַ יובילעאום, אַן׳ערן אָוונט, אָדער גלאַט אַ פייערונג. דאַן שטעלט מען זיך אָפּ אויף זייערע פאַרשטעלונגען, מען רעכנט אויס די ראָלן, אין וועלכע זיי האָבן זיך גוט אויסגעצייכנט, געמאַכט אַ גרויסן „סוקסעס״, ווי מען רופט עס אויף בינע־לשון, און עס ווערן אויך דערמאָנט די פאַרדינסטן, וועלכע זיי האָבן ביים יידישן טעאַטער.

דערפאַר וויל איך אָבער, גלייך ביים אָנהויב פון מיין קורצן אַרטיקל וועגן עטאַ טאַפל און מאַרק מאַרקאָוו, דאָ פאַרזיכערן, אַז נישט דאָס איז מיין צוועק, ווייל ערשטנס, האַלט עס נישט ביי קיין שום פייערונג, און צווייטנס, וואָלט עס גלאַט געווען נוצלאָז צו זינגען זיי שבחים, ווייל עס וואָלט נאָר געווען אַ ווידערהאָלונג פון דעם וואָס עס איז שוין צענטליקער מאָל, ביי פילע געלעגנ־הייטן, געזאָגט אָפּן געשריבן געוואָרן וועגן זיי. מיין כונה איז דאָ אַ גאַנץ אַנדערע. איך וויל זיך בלויז אָפּשטעלן אויף דעם פּריוואַטן לעבן פון די צוויי דערמאָנטע שוישפילער, וועלכעס איז זייער אינטערעסאַנט, צוליב אַ סך טעמים.

עס איז אַ באַוואוסטע זאַך, אַז אַקטיאָרן פירן אַ וואַנדער לעבן. היינט זיינען זיי דאָ, און מאָרגן פאַרשלעפּט זיי דער גורל אין אַן׳אַנדער עק וועלט. שולדיק אין דעם איז, ערשטענס, די פּראָפעסיע, וועלכע גיט זיי נישט קיין מעגלעכקייטן צו פאַרבלייבן צו לאַנג אויף איין פּלאַץ; צווייטנס, דיינק איך, אַז זיי גופא האָבן נישט פיינט דאָס וואַנדער לעבן, ווייל טראָץ טאַלאַנט, מוזן זיי אויך פון צייט צו צייט ביישן די אַטמאָספער, די אומגעבונג און די סביבה כדי אָפּצופרישן זיך גייסטיק און שאַפן נייע אינספּיראַציע, וואָס איז דער הויפּט פאַקטאָר ביים אַקטיאָר. אַמבעסטן האָט דאָס וואַנדער לעבן פון שוישפילער געשילדערט אונזער גרויסער שלום עליכם אין „די בלאָנדזשענדע שטערן״.

אַנדערש איז אָבער מיט טאַפל און מאַרקאָוו. ווי עס זעט אויס האָבן זיי, אונטער אַלע אומשטענדן, באַשלאָסן אויפצוגעבן דאָס וואַנדער לעבן (טראָץ דעם וואָס אַזעלכע באַגאַבטע שוישפילער זיינען איבעראַל געזיכערט מיט ערפאָלג) און זיי האָבן אָפּגעמאַכט צו פאַרשאַפן זיך אַן׳אייגענע היים. און דאָס איז זיי געלונגען אויפן בעסטן אופן.



זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט אַ שיינע בעל־הבתישע וואוינונג, און טאַקע דאָ, אין דער סאַמע איסט־ענד, ביי אונז אין ווייטשעפּל.

עס איז זיי געלונגען צו גרופירן אַרום זיך אַ גרויסן סירקל פון פריינט און פאַרערער, צווישן וועלכע עס געפינען זיך שרייבער, אַקטיאָרן, כלל־טוער און גלאַט אינטעליגענטן.

יעדן אָוונט נאָך דער פאַרשטעלונג קומט מען זיך דאָרט צונויפן, און ביי אַ פיין גלעזל טיי פאַרברייננגט מען עטלעכע גייסטרייכע שעהן אין אַ גאַסטפריינטלעכער אַטמאָספער. דאָרט האַלט מען נישט פון קיינע ספּעציעלע איינלאַדונגען. מען קומט, מען באַגריסט זיך, און מען באַטייליקט זיך אין אַלץ וואָס קומט פאָר.

עטאַ טאַפל איז אַ האַרציקער מענטש, טראָגט יעדן אַנטקעגן אַ וואַרימען שמייכל, אַ האַרציק וואָרט, און מאַכט אייך פילן פונקט ווי אין אייער אייגענער היים. מען מוז זי ליב האָבן און רעספּעקטירן בלויז צוליב איר פּשטות אין פּריוואַט לעבן און איר איבערגעבנקייט צו פריינט. אַזוי אויך מאַרק מאַרקאָוו. אין שטוב ביי זיך ווערט ער אויס אַקטיאָר, אויס רעזשיסער און די אָנגע־שטרענגטקייט וואָס ציגט זיך בולט אַרויס ביי אים אין טעאַטער אָדער בשעת ער איז פאַרנומען ביים רעזשיסירן, ווערט פאַרשווינדן און ער ווערט אַ לעבעדיקער, פריילעכער, אינטערעסאַנטער מענטש, אַ היימישער מענטש. און ער פאַרטייטשט דעם איבערבייט גאַנץ לאָגיש. אַלס שוישפילער, זאָגט מאַרק מאַרקאָוו, באַלאַנגט ער צום פּובליקום, ווייל דאָס איז זיין פּראָפעסיע, זיין פּרנסה, אָבער זיין פּריוואַט לעבן באַלאַנגט שוין צו אים אַליין, און ער קען טון מיט דעם וואָס ער וויל.

מאַרק מאַרקאָוו איז אויך אַן׳אינטעליגענט, שטאַרק באַלעזן און באַהאַוונט אין דער ליטעראַטור, קען די שאַפונגען פון קלאַסיקער, ווען זער אָפּט אַנט־וויקלט זיך אין יענעם קרייז אַ זער אינטערעסאַנטער שמועס וועגן וויסנשאַפט, קולטור און פּאָליטיק, וואָס דערפירט ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַריין.

און ווייל אַזעלכע גייסטרייכע און אינטימע אָוונטן זיינען אַ זעלטנהייט אין אַקטיאָרישע קרייזן, בין איך געוואָרן אימפּראָוויזירט צו שרייבן אָט די עטלעכע ווערטער.

## שטענצלען צום סיום פון זיינע העפטלעך (75) און צום געבוירן ווערן פון זשורנאַל

פריינט שטענצל,

דערלויבט מיר, אין נאָמען פון אַלע די וועלכע האָבן אין די גרויליכסטע יאָרן פון אונזער לעבן טיילמאָל געפונען אַ שטיקל מקום מקלט אין דער סביבה פון אייער העפטל, און פון די פון אייך אָנגעפירטע שבת נאָכמיטאָגס, אייך אויסצודריקן אַ דאַנק פון טיפסטן האַרצן.

אין אָט דער קליינער סביבה האָט מען מאַנכעס מאָל געגלויבט אַז מ׳האָט די זכיה צו שטיין צוקאָפּנס ביי די גסיסות און יציאת נשמה פון אונזערע

נאָענטסטע, מיטצולעבן די שבעה און שלושים טעג נאָך זיי. אפילו אויסהערשן האָט מען זיך אַמאָל געקאָנט ביי אַ ליד אָדער אַזוי אַ פּאָר קריעה־רייסנדיקע שורות, אָנגעפילט מיט אויסגייענדיקער ליבשאַפט און צער. אַ דאַנק אַט דער נאָענטקייט צו דער היים, און צו דעם וואָס דאָרט איז געשען, זענען מיר נישט אָפּגעריסן געוואָרן פון זיי. דאָס בעסטע, דאָס ווערטפולסטע אין אונז האָט ווי אַ געבייטשטער אומרו מיטגעצאַפּלט און מיטגעוואָקלט מיט זיי, דורך די שבעה מדורי גיהנום. יעדער טליענדיקער פונק אין אונז איז געוואָרן צופלאַמט און אויפגעהאַלטן פון אייער פייער, פול מיט גלויבן און איבערגעבענער געטריישאַפט צו אַלעם, וואָס איז אונז טאַטע־מאַמעדיק הייליק און טייער. ווען די מאוימדיקע מהומהדיקע ידיעות האָבן אָנגעהויבן פאַלן אויף אונזערע קעפּ, און באַטויבט, נישט באַנעמעדיק, מיט ווילד מטושטשע אויגן אַרומגעלאָפן, געזוכט — און אין ערגעץ, אין ערגעץ נישט, קיין אָנשפּאַר, קיין אָפּהילך, נאָרנישט נישט געפונען, ווי מוראַדיק טרויריק אַזאַ פאַרוואָגלעניש, אַזאַ מחוץ למחנה שטיין ביי יציאת נשמה פון זעקס מיליאָנען אייגן בלוט און פלייש...

יאָ, אַ טשאַקעדיק־קנאַקעדיקע אָפּהילכיקייט מיט בליצליכט און מיקראָפאָן — יאָ, זיכער, מ׳ברויכט דאָס אויך — אָבער עס פאַרטיפט די ריסן, און שיט זאַלץ אויף די וואונדן. איך מיין די פשוטע, אייגענע ליבשאַפט פון צוגעבונדנקייט, פון אַהין געהערן. אַטאַ דעם אָפּהילך האָט מען געפונען איינציק צווישן אַ פּאָר מענטשן, אין דער סביבה פון די ווייטשעפּעלער העפטלעך און די שבת־נאָכמיטאָגס.

דאָס נאָענט בלייבן מיט זיי האָט אָנגעפילט מיט גלויבן אין זייער און אין אונזער אייביקייט. מיט פעסטן גלויבן, אַז דאָס פאַרגאָסענע בלוט וועט נישט אינגאַנצן פאַרלוירן גיין, אַז עס וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ קיינמאָל זיך נישט אויסשעפּנדיקן קוואַל פון מים חיים לדור דורות אָנצופילן און צו קרייזן אין אונזערע שלייפן און אָדערן, אַז אונזערע פאַרמאַטערטע וועלן אייביק מיטגיין מיט אונז, אַ משכן מיטן אין אונזער מיט מדבריות אַרומגערינגלטן לעבן.

פאַרן אויפהאַלטן פון אַט דער נאָענטקייט און דעם גלויבן וועלן פילע אָן אייך געדענקען, שטענצל.

איך ווינש אייך, איר זאָלט זיין געבענטשט מיט כח צו גיין אייער וועג ווייטער אַזוי אומבויגעוודיק און ריך, געשטיצט אויף ליבשאַפט און אחריות, וואָס זענען די זיכערע שומרים אָפּצוהיטן פון שטרויכלען אָדער פאַרבלאָנדזשען.

מיט דאַנק און דרך ארץ.

דאָראַ דימאַנט

(וויצע פּרעזידענטין פון „פריינט פון יידיש לשון")



## „אַ שטעקעלע אַריין אַ שטעקעלע אַרויס"

1

## דער פּאָעט מלך כמעלניצקי

מלך כמעלניצקי איז געווען אַ שטילע און רואיקע פּערזענלעכקייט אין דער יידישער פּאָעזיע. מיר האָבן אַלע געוואוסט פון אים, פון צייט צו צייט, אין זייער גרויסע אינטערוואַלן, אַ ליד פון אים געלייענט און עס האָט באַרואיקט און שטיל געמאַכט. עס איז גוט געווען צו וויסן, אַז ערגעץ־וואו אין אַ גרויסער שטאָט אין אייראָפּע, אַן אינטעליגענט, אַ פּערזענלעכקייט, אַ דאָקטאָר פון באַרוף, זיצט זיך אין זיין שטילער וואוינונג נאָך זיין אַרבעט אין אַ ווינער שפּיטאָל און שרייבט יידישע פּאָעזיע, שטילע פּאָעזיע.

מלך כמעלניצקי האָט נישט קיין סך לידער געשריבן, אָבער גוטע, פאַרטראַכטע, שטילע — ווערטפולע פאַר אַזאַ יונגע און נאָך אַ ביסל צערוישטע ווי די יידישע ריכטונג!

ווען היטלער איז געקומען קיין ווין האָט כמעלניצקי געהאַט די מעגלעכקייט צופאָרן נאָך אַמעריקע, און ער איז דאָרטן געווען אַ מיטאַרבעטער פונם פאָרווערטס, מיט וועכנטלעכע אַרטיקלען איבער מעדיצינישע ענינים.

לידער האָבן זיך פון זיין נייעם משנה מקום די אַמאָליקע שטילע און רואיקע לידער נישט מער געזען; האָט עס דער נייער מקום גורם געווען, דער נייער מנוחה־פלאַץ?... אַזאַ מזל האָבן מיר שוין!

יעצט הערן מיר אַז מלך כמעלניצקי איז געשטאָרבן. זאָל דאָס כאָטש זיין אַ טרייסט, וואָס מיר ווייסן כאָטש וואו זיין געביין געפינט זיך.

אויף זייטל 17 דרוקן מיר אָן זיינס אַ ליד, נאָך אָפּגעדרוקט אין „טויט־ציקלוס", באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אין ווין.

2

## ישראל אפרת

דאָס קאַפּיטל פון דער פּאָעמע נאָלד איז אַן איבערזעצונג פון בוך „זהב" פון דעם באַרימטן העברעאיש־אַמעריקאַנישן דיכטער ישראל אפרת, וועלכער האָט איצט איניקע טעג דאָ פאַרברענגט אין לאָנדאָן צוזאַמען מיט אונזער באַרימטן דיכטער ה. לייוויק און די זינגערין שיווער, אויף זייער נסיעה קיין דייטשלאַנד אין קולטור־שליחות פון „יידישן וועלט קאָנגרעס".

אפרת האָט פאַרלאַנגט, אַז זיינע אַ זאַך זאָל געדרוקט ווערן אין העברעאיש און אויך געוויזן אַזאַ מין זשורנאַל געדרוקט אין ביידע שפּראַכן.

מיר זיינען עס נישט גורם! מיר האַלטן אַז אונזערע ביידע לשונות זיינען נאָך שטאַרק גענוג זיך אויסצולעבן זייער אומשטערבלעכקייט אויף אייגענע כוחות און זיך עלטערן ביז הונדערט און צוואַנציג יאָר — מיר האַלטן פון דעם אַלטן יידישן כלל: „חי הנושא את עצמו"!

דאָס צו שטאַרקע זיך מזווג זיין פון יידיש מיט העברעאיש שמעקט אַביסל מיט אַסימילאַציע — זאָל זיין כאָטש צווישן זיך, צווישן איינענע!.. אָבער פון געפּראַוועטע חתונות צווישן מישפּחה מענטשן, צווישן אייגענע, קומט נישט אַרויס קיין זרע של קימה.

בעסער האַלטן זיך אַ ביסעלע ווייטער איינער פון אַנדערן און קומען אויף שמחות איינער צום צווייטן, ווי לייבליכע ברידער!

3

## צו ד״ר י. שוואַרצבאַרדס אָפּפאָרן קיין אַמעריקע

ד״ר י. שוואַרצבאַרד זיך געזעגנענדיק מיט זיינע „ליבע ברידער״ אין ווייטשעפּל מיט אַזויפיל „שוואונג״ צו דער יידישער קולטור, דערמאַנט אונז אַן אַמאָליקן מלמד אין דער אַלטער ליבער היים.

אַ סוחר פאַרלירנדיק זיין מסחר, דורך אַ באַנקראָטל, צי איבער עפּעס אַנדערש, ס'זאָל נישט אויסגערעדט זיין, פאַרט ער ווערן אַ מלמד אין אַ צווייטער שטאָט.

די אַלע גוטע יאָרן דאָ ווייענדיק מיט אונז, בשעת רייטנדיק אויף זיין פּאָליטישן פערדל, פאָ־כלאַפּסקעמו, האָט מען פון אים אַזעלכע ווערטער קיינ־מאָל נישט געהערט — (אפשר האָט ער דאָרט, אין געהיים, אין ציוניסטישע קלייזלעך, אונטערגעקנעלט „פאַר ווזניאַנע מאָיזעשאָוועגאָ״, און געוויזן די ציוניסטישע קלאָטשע אַ חיי אין סידור).

אפילו צוריקקומענדיק פון זיין אַמעריקע־שליחות, אַנדערצײלענדיק אונז פאַר פייער און פאַר וואַסער, — מיר זענען אפילו געוואויר געוואָרן דעמלט, אַז ראַביי וויז איז גאָר אַ גרויסער מענטש, וואָרים ווען ער וויזט זיך אין גאַס ציען אַלע פאַר אים דעם הוט. — אָבער, אַז אין אַמעריקע לעבט יידישע ליטעראַטור, יידישע שרייבער, אַ געוואַלטיקע באַמיאונג פאַר יידישע קולטור, פאַר דערציאונג — מן דכר שמה...

אַלענפאַלס, ד״ר י. שוואַרצבאַרד איז אַ גייסטיקער מענטש און אַ נאַ־ציאָנאַלער ייד און אַן אויסגעצייכנטער אָראַטאָר. און אויב ער מיינט עס זאַקע ערנסט איצט מיט זיין יידישער קולטור נעמען מיר אים אַריין אין דער חברותא; ווי זאָגט אַ יידיש וואָרט: בעסער שפּעטער ווי קיינמאָל נישט. און מיר ווינטשן אים אַ צאתכם לשלום.

4

## „איבערגעכאַפּט די מאָס״

אין זיין דריי־פאָרטזעצונגען־אַרטיקל איבער מלך ראַוויטשס בוך „מיין לעקסיקאָן״ האָט, אפנים, דאָס גייסטרייכע „קעפּל״ זיינס י. מיגער פאַר־דרייט דעם קאָפּ, און ער אַליין האָט איבערגעכאַפּט די מאָס... שטעלט זיך אָבער די פראַגע: אויב דאָס בוך ווירקט טאַקע באמת אַזוי „דעסטרוקטיוו״ און „רכילות״דיק, טאָ נאָך וואָס האָט ער אַזוי זשורנאַליסטיש־קאָרעקט אויס־געזוכט די אַלע פיינע און סאַמע פעטע שטיקלעך און זיי אונטערגעטראָגן ווי פּאַטראָוועס דעם איינפאַכן טעגלעכן לעזער... ער האָט מיט דעם לשון־הרעדיקן איבערדערציילן זיינעם געוואָלט וועקן מער דרך ארץ דאָ צום יידישן דיכטער... אפנים, ווי ער האָט עס שוין געטון אייניקע מאָל אַזוי זיך פאַרביי־לויפּיק. אָבער מ'מוז עס שוין מאַכן מיט אַ ביסל מער געשמאַק, אַז פון אַזעלכע פּאַטראָוועס זאָל זיך נישט אַרויספילן דער שטאַרקער ביינעשמאַק.



איך האָב אפילו צו דעם אויך עפּעס אַ שטיקל מעשהלע און דווקא מיט אַ מלמד! איז דער ענין נישט אַזוי וויכטיק דאָס מעשהלע ערשט צו דערציילן און אָנמאַכן דערמיט אַ גאַנצע מעשה...

וועלן מיר האָבן די געדולד אָפּצוואַרטן די אַנדערע בענדער פונם לעק־סיקאָן: ממה נפשך, וועט ראַוויטש אַריינגעמען דעם זשורנאַליסט י. מיגער אין „מיין לעקסיקאָן״, וועלן מיר דאָך האָבן אַ פיין־צורעכטגעמאַכט פּאַטראָ־וועלע און לעקן די פינגער, וואָרים ראַוויטש, וואָס נישט, קאָלעגע מיגער — „חוצפה״ „רכילות״! — אָבער געשמאַק האָט ער. אַלאַ נישט? לוינט דאָך דער גאַנצער עסק נישט.

5

## י. ל. פּרץ פייערונג ביי די געברענגטע קינדער פון פּוילן

אין דער אַבינגדור הייסקול, צווישן די איבער הונדערט קינדער וואָס ד״ר שענפעלד האָט אַקאָרשט אַהערגעברענגט פון פּוילן און קינדער פון אַנ־דערע האָסטלס האָט „פריינט פון יידיש לשון״ איינגעאָרדנט חומ״פ אַ פּרץ אָוונט. אויב אונזער פאַראיין איז ווערט אַ שכר פאַר זיין יידיש קולטור־אַרבעט אויף דער יידישער גאַס איז דער אָוונט געווען אונזער שכר בעולם הזה.

צום יידישן ביטול האָט דאָך קיין שיעור נישט! אַ ייד איז אַלץ מבטל כעפרא דארעה און מ'איז הפקר פּיעטרישקע. אונזער גאַנצע אַרבעט, למשל, איז אַן אַרויסגעוואָרפענע: פאַר אַלע יידן און יידינעס... און אַז מיר האָבן זיך באַמיט צוקומען אין קאָנטאַקט מיט די קינדער, האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַנדערער געשריי: ווייס איך וואָס, די קינדער פון פּוילן... אַז זיי ריידן דאָך אַלע פּויליש.. קיין איין יידיש וואָרט פאַרשטייען זיי דאָך נישט...

האָט מען געמוזט זען די אָנגעצונדענע פרייד אין די הונדערטער אויגן ביים פאַרלייענען „מאָניש״! אין אַ זיכערער היים האָבן זיך זייערע הערצער געפילט, ווען די שוישפּילערין דאָראַ דימענט האָט געשילדערט דאָס יידישע שטעטל מיט פאַרבן און שפּילעריש און איר רעציטירן קאַפּיטלעך פון דער באַ־רימטער פּאָעמע פּרצעס. — מיר אַלע זיינען געזעסן אין פּאַליש אויף די טרעפּ, „בעלי בתים אין גאָלדענע עטרות״ אין זילבערנע בתים און געוואַרט אויף אַן אתחלתא דגאולה.

און ווען מאיר נסענבוים האָט געלייענט דעם צווייטן טייל „ביים גאָטס צוקאָפּנס״, האָבן זיך הונדערטער אויגן צעצונדן. אונזערע מיט אַריינגערעכנט, געברענט ווי נרות תמידים, איבער די געפאַלענע אינם וואַרשעווער אויפ־שטאַנד. ווייל די פייערונג איז פונקט געווען אין דער נאַכט, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער אויפשטאַנד אין דער וואַרשעווער געטאָ.

אויף די רעדעס אונזערע און פון די לערערס פון דער הייסקול האָבן די קינדער געענטפערט מיט געזאַנג פון יידישע און העברעאישע לידער.

לאָנדאָן האָט געהערט אין יענער נאַכט דעם קלאַנג פון דער יידישער „גאָלדענער קייט״ — זי איז נישט איבערגעריסן.

ש.

## פון יידישן פאלקס-מויל

### וויצן, גלייכווערטלעך און מעשהלעך

געהערט, געקליבן און באַאַרבעט דורך שלמה גאלדענבערג

## 26. שפּריכווערטער

א) אז מען נעמט נישט אליין, האָט מען נישט.

ב) אז מען טוט נישט א זאַך מיט כבוד — טוט מען דאָס (שפּעטער) מיט אומכבוד...

ג) א מענטש טראַכט * — און גאָט לאַכט...

ד) קליינע קינדער — קליינע צרות, גרויסע קינדער — גרויסע צרות...

ה) „נתן, ביסט א חתן?" — „די וועלט זאָגט, איך ווייס נישט!"...

ו) „א נאַר פון באָד ארויס!" **

ז) אז גאָט נעמט אַפּ דאָס מזל — נעמט ער צו דעם שכל אויך...

ח) קדחת איז קיין קרענק נישט — און פּורים איז קיין יום-טוב נישט.

ט) צו א„שמעק" און צו א„לעק" — איז נישטאָ קיין עק...***

י) נישטאָ קיין בוך אויף וועלכן עס איז נישטאָ א בעלן...

---

* פלענער פאַר דער צוקונפט...

** דאָס זאָגט מען יענעם, וואָס קומט אַרויס מיט לשון, וואָס פּאַסט נישט...

*** אַן איראָניע אויף לייכטזיניקייט.

## 27. דער קלוגער אָרימאַן

ווינטער פּאַרנאַכט. ווען דער עולם האָט אויף גיך אַפּגעדאַווענט מעריב און די יונגעלייט, וואָס לערנען אין קלויז, האָבן זיך גענומען צום שיעור, האָט זיך געעפנט די טיר פון דער „אַלטער קלויז", עס איז אַריינגעקומען אַן אָרימאַן און האָט געבראַכט מיט זיך דעם ווינט און דעם נאָסן, ווייסן שניי פון דרויסן...

פון זיין נאַנצן אויסזען, פון זיין שמוישענער היטל, פון זיין פּעלצל און פון די „וואַלענקים 1)" האָט מען באַלד געקענט דערקענען, אז מען האָט דאָ צו טאָן מיט א פּיעשעחאָד 2). זאַנגדיק א „גוטן אָוונט" די יונגעלייט, מיט די אָפענע גמרות אויפן טיש, האָט ער זיך אוועקגעזעצט לעם דער וואַרעמער הרובע, האָט אַפּגעטרייסלט פון זיך די רעשטלעך שניי און האָט גענומען זיך איינהערן אין דעם זיס-טרויעריגן גמרא נגון פון די יונגע לומדים. ער איז געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן און עס איז שווער געווען צו זאָגן צי דרימלט

---

1) א סאָרט שטיוול געמאַכט פון שמאַרקער וואָל.

2) אַן אָרימאַן, וואָס גייט „צופוס" פון שטאָט צו שטאָט.



ער און האָט הנאה פון דער געשמאַקער וואַרעמקייט אין קלויז אָדער ער פאָלגט נאָך דעם טייערן פּלפּול פון דער שווערער מסכתא...

אַזוי האָט געדויערט א שטיקל צייט ביז עס איז אַריינגעקומען אין קלויז דאָס יידל מיט „רעטשאַנקעס" 3). די יונגעלייט האָבן געקויפט ביי אים פאַר זיך, דער אָרימאַן אויך, און עס האָט זיך פאַרקניפּט א געשפּרעך צווישן אים און די קלויזניקעס, וועלכע האָבן אים ערשט יעצט אָפּגעגעבן א ברייטן שלום עליכם.

נאָך דעם ווי די יונגעלייט האָבן געשטעלט דעם אורח פאַרשיידענע פראַגן און יענער האָט אויף זיי גאַנץ קלאָר און גלאַטן געענטפערט, רופט זיך אַפּ דער אָרימאַן: „זאָגט מיר נאָר קינדער, זיינען דאָ ביי אייך אין שטעטל בעלי-בתים, נגידים, וואָס מען קען ביי זיי קריגן א שיינע נדבה?...

— „דאָ זיינען ביי אונז דאָ אַזעלכע — האָט געענטפערט אַבחורל, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר א חכם — אָבער צי קען מען ביי זיי קריגן א שיינע נדבה איז שוין א שאלה!"....

— „און ווער איז דער גרעסטער גביר אין שטעטל? פרעגט דער אורח.

— „אלימלך לאַיעוו! 4)" ענטפערן די בחורים כמעט אַלע מיט אַמאָל.

— „און וויפל שאַצט מען אים?" פרעגט ווייטער דער אָרימאַן.

— „אין א ¼ מיליאָן רובל אויף זיכער, אפשר 300,000 רובל!" — גיבן צו די בחורים מיט אַהיין.

— „איז ער עפּעס א בעל-צדקה?" פרעגט דער אורח שוין אַביסל שטילער.

— „דאָס דוקא נישט!" — ענטפערן די בחורים ווי פאַרשעמט. — זיינע א נדבה איז א האַרטער דרייער און זער זעלטן א זילבערנע מטבע!"...

דער אָרימאַן האָט זיך א מינוט פאַרטראַכט און האָט נאָכדעם א זאָג געטאָן מיט א שמייכל: „און וואָס וועט זיין, אז איך קריג פון אים א קערבל?

— „א קערבל! האָבן די בחורים איבערגעחזרט דאָס וואָרט פאַרציינגן אין נאָכדעם האָבן זיי צווישן זיך עפּעס א שושקע געטאָן און אים דרייסט געזאָגט: אויב איר קריגט א קערבל פון מלך לאַיעוו, האָט איר ביי אונז נאָך איינעם!...

דער אָרימאַן האָט זיך גענומען פאַרשפּילען און האָט א זאָג געטאָן אַזוי כלאַחר-יד: „נו, און ווער גייט מיט מיר צו מלך לאַיעוו?"...

עס האָט זיך באַלד אַרויסגערופן איינער, א יונג, א בריה און זיי זיינען ביידע באַלד פאַרשוואונדן אין דער טונקעלער נאַכט. די לומדים זיינען נעבן אַביסל אויפגערעגט, נייגעריג און דער שיעור איז שוין נישט געגאַנגען אַזוי גלאַט, אָבער זיי האָבן לאַנג נישט געוואַרט. די טיר פון קלויז

---

3) אויוינע לאַטקעס געמאַכט פון טונקעלער מעל.

4) מלך לאַיעוו א גביר אַ ייד, וואָס האָט געהאַט א גוט לעם, באַריסלאַב, קיעוו, גובערניע, איז געווען שלום-עליכם'ס שווער.

האָט זיך פּלוצלונג געעפנט מיט אַ פּראַל, דאָס בחורל איז געקומען צולויפן אַ פאַרסאָפּעטער און שוין אויף דער שוועל פון טיר האָט ער גענומען שרייען: „קינדער מיר האָבן פאַרשפּילט!... גרייט צו די זילבערנע, באַלד קומט ער דער לאַנד חכם!"... „ווי אַזוי, ווי אַזוי. ווי איז דאָס גאָר מעגלעך!" האָבן אַלע גענומען פרעגן מיט איין קול.

— „אַט זעצט זיך אַוועק איר חכמי לעזשאַנקע — האָט געענטפערט דאָס בחורל. אַשר האָט ער געחייסן, און איר וועט הערן דעם גאַנצן ספּור המעשה!"

די לומדים האָבן זיך אַוועקגעזעצט לעם דער הרובע און דאָס בחורל האָט גענומען דערציילן:

„געקומען זיינען מיר צו ר' אלימלך באַלד נאָכדעם ווי עס איז אַוועק פון אים אַן ערה יידן סוחרים. דער אָרימאַן גייט פריער און איך, זיין בעגלייטער, נאָך אים.

„אַ גוטן אָוונט, ר' אלימלך זאָגט דער אָרימאַן —

„אַ גוטן יאָר — ענטפערט דער נגיד אויף גיך — וואָס וויל אַ ייד?

— „וואָס זאָל וועלן אַ ייד אַן אָרימאַן? אדרבה! — ענטפערט דער אורח.

ר' אלימלך שטעקט אַריין די האַנט, געפינט אַ זילבערנע מטבעה און גיט זי דעם אורח. דער ייד בלייבט שטיין. ביידע קוקן זיך אָן אַ פּאָר מינוט.

„געלויבט השם יתברך וואָס ווייסט וועמען ער גיט איבער זיין אוצר פאַר אַ פּקדון! גיט אַ זאָג דער אָרימאַן און מאַכט אַ ברכה.

ר' אלימלך באַטראַכט אים האַלב ברוגז, האַלב נייגעריק, לאָזט אַראָפּ די האַנד אין קעשענע געפינט דאָרט נאָך עפּעס אַ קליינע מטבעה און גיט זי אים. דער אָרימאַן שטייט ווייטער.

„נאָך אַלץ נישט צופרידן?! רופט זיך אָן ר' אלימלך און מען זעט, אַז אַט, אַט...

„ווי זאָל איך זיין צופרידן — ענטפערט דער אורח מיט אַ טרויעריקער שטימע. אַז אַ ייד ווי איר, וואָס פאַרדינט 25 טויזנט רובל יעדע שטונדע גיט אַ נדבה — אַ זילבערנע פּיאַטאַק!... (פינף קאָפּיקעס). •

איך האָב געמיינט, אַז באַלד רופט אַריין ר' אלימלך זיינע משרתים און הייסט אונז ביידע אַרויספירן בהדרת מלך, אָבער מלך לאַיעוו האָט זיך שטאַרק צו לאַכט. און האָט שנעל אַ זאָג געטון: „אויב איר קענט מיר דער־ווייזן אַז איך פאַרדין אַזאַ שלל מיט געלט יעדע שטונדע, קריגט איר פון מיר אָקערבל פאַר אַזאַ חשבון!...

„יאָ ר' אלימלך — רופט זיך אָן דער אורח שוין מיט אַ פרעליכער שטימע. ווי איר זעט בין איך אַן אָרימאַן, אַ פּוסטייער און ווי דער שטייגער איז פון אַזאַ אָרימאַן צו פרעגן זיך פּאַרויס וועגן די נגידים און בעלי־ צדקה אין די שטעט וואָס ליגן אויף מיין וועג. צו אייך האָב איך גענומען גיין



פון „זוועני-נאַראָדקע 5). שוין דאָרט האָב איך געפרעגט: „ווער איז דער גרעסטער גביר אין געגענט? — ענטפערט מען מיר: „מלך לאַיעוו!" — „וויפל פאַרדינט ער?" — ק"ן אלפים, הער איך. קום איך קיין „לעסעווקע 6), אַ פּאָר שטונדן גאַנג, פרעג איך די זעלבע פראַגע, ענטפערט מען מיר: 200,000. פון דאָרטן קום איך קיין „מערוועץ" 7) — אַ 250 טויזנט רובל. ערשט היינט ביי נאַכט קום צו אייך אין שטעטל, הינע מענטשן דאַרפן דאָך געווים וויסן וויפל דער גביר אינשטעטל פאַרדינט און אַלע זאָגן מיר אין איין קול: 300,000!...

מלך לאַיעוו האָט זיך נאָך שטאַרקער צעלאַכט און האָט אַ זאָג געטון: „דער חשבון איז ריכטיק! איר זענט אַ קלוגער ייד, אַ סוחר, נאַט אייך אַ קערבל און נייט אייך געזונטערהייט, לחיים ולשלום!...

די לומדים האָבן אויסגעהערט אַשרן מיט אָפענע מיילער און ווען ער האָט געענדיקט האָבן זיי גענומען אַזוי לאַכן פון דער חכמה און פון דעם אָרימאַנס חשבון, אַז זיי האָבן אויפגעוועקט דעם גוי דעם שומר וועלכער איז געשמאַק געשלאָפן אויף דער באַנק פון דער צווייטער זייט...

די יונגעלייט האָבן שוין אָפּגעוואַרט דעם אָרימאַן, האָבן אים געגעבן אַ פריילעכן קבלת פנים אַ חוץ דעם פאַרשפּראָכענעם קערבל און יעדער איי־נער איז אַוועק צו זיך אַהיים דערציילן די קלוגע חכמה, וואָס דער אָרימאַן האָט געגעבן דעם נגיד פון שטעטל...

אשר'ל זיין באַגלייטער איז גאָר געוועזן בגילופין און האָט אים אפילו גענומען צו זיך אַהיים אַלס אַנ'אורח....

(פון מיין מאַמען)

5) 6) 7) שטעט און דערפער אויפן גרויסן וועג.

## ייִדישע קולטור ידיעות מארבע כנפות הארץ

* *

שאַנכיי. — צווישן די לערך 25 טויזנט ייִדישע פליטים פון דייטש־לאַנד, עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיי און פון פּוילן (וועמענס צאָל איז לגבי די ייִדישע פּליטים פון די דריי ערשטע לענדער, געווען די קלענסטע) פונ־דעסטוועגן זענען די ייִדישע פּליטים געווען די שעפערישסטע און אַקטיוו־סטע אויפן געביט פון ייִדיש־געזעל־שאַפטלעכער און קולטור־טעטיקייט.

איידער שאַנכיי איז געוואָרן אָקו־פּירט פון די יאַפּאַנער, זענען דאָרט דערשינען וואָכנבלעטער אין ייִדישער, דייטשער, ענגלישער און אפילו אין רוסישער שפּראַך. ניט געקוקט אויף דער יאַפּאַנישער אונטערדריקונג, ווען די ייִדן זענען געוואָרן פאַרצוימט אין אַ מין געטאָ, אויך דאָרט האָט גע־שפּרודלט דאָס ייִדישע לעבן, וואָס האָט משפּיע געווען צו הויבן דאָס גע־שלאָגענע געמיט פון די פאַרצווייפלטע

פלטים, וועלכע זענען געווען ווי אפגעשניטן פון דער אויסערער יידישער און נישט־יידישער וועלט.

ווען שאנכיי איז געווארן באפרייט פון דער יאפאנישער אקופאציע און די יידן זענען געווארן אויסגעלייזט פון געטא, האט דאס יידישע לעבן ווידער אנגעהויבן צו ברויזן. א חוץ דעם וואכנבלאט „אונדזער וועלט" (אין יידישן לשון), איז אויך דערשינען א וואניק זאמל־העפט „אונדזער ווארט" אין וועלכן עס באטייליקן זיך: י. ראפאפארט, י. רינער, י. מלאטעק, י. ראטענבערג, י. קאן און אנדערע.

* *

פאריז.—יידישע פראגרעסיווע געזעלשאפטן אין פאריז, האבן באשלאסן צו שאפן א פאנד פון 2 מיליאן פראנק לטובת א יידישן קולטור־הויז וואו עס זאל זיך קאנצענטרירן די יידיש־געזעלשאפטלעכע און קולטור־טעטיקייט פון פאריז. ביז איצט איז שוין געשאפן געווארן די סומע פון א קנאפן מיליאן פראנק און דער צווייטער מיליאן וועט געשאפן ווערן אין משך פון די קומענדיקע זעקס חדשים.

און ביי אונז אין לאנדאן?...

* *

פאריז.—דא ווערט געוויזן דער יידישער פילם „גלופסקער בלאטעס", באזירט אויף מענדעלע מוכר ספרים'ס ווערק: „די קליאטשע", „די טאקסע" און „פישקע דער קרומער". דער פילם, וואס איז געשאפן געווארן אין אמעריקא (מיט דער באטייליקונג פון די באקאנטע יידישע אקטיארן איזידאר קעשיר, און אנדערע פראמינענטע יידישע בינע־קינסטלער), ווערט געוויזן צום ערשטן מאל אין אייראפע.

ווארשע.—די יידישע היסטארישע קאמיסיע אין פוילן, האט פארעפנטלעכט א בוך „דאקומענטן פון פארברעכן און מארטירערטום". וואס אנטהאלט שילדערונגען וועגן נאצישע אכזריות אויף יידישע קינדער אין פוילן. אינ'ם דאזיקן בוך באטייליקן זיך אויסשליסלעך יידישע קינדער, וואס דערציילן אויף זייער פשוט'ער קינדערישער שפראך וועגן זייערע מוראדיקע איבערלעבענישן און די נסים, ווי אזוי זיי זענען געבליבן ביים לעבן.

* *

פאריז.—עס איז דערשינען א טאפעלטע אויסגאבע (נומער 2־3) פון די „פאריזער שריפטן" אין 144 זייטן.

* *

בריסל.—די „לינקע פועלי־ציון" אין בריסל, האט געקויפט א הויז וואו עס קאנצענטרירט זיך דאס אלגעמיינע, יידיש־געזעלשאפטלעכע און קולטורעלע טעטיקייט פון בריסל.

* *

בוקארעשט.—נישט געקוקט דערויף, וואס רומעניע איז שוין געווארן באפרייט פון די פריערדיקע פאשיסטישע רעזשימען, פונדעסטוועגן מוז דאס יידישע טעאטער צושטעלן פאר דער „סיגוראנצאי" (פאליטישע פאליציי) א גענויע איבערזעצונג פון דער יידישער פיעסע אין רומענישן לשון. די צענזור באצוועקט צו קאנטראלירן, אויב די יידישע פיעסע אנטהאלט ניט „פאשיסטישע און רעאקציאנערע פראפאגאנדע"...

צום ערשטן מאל דערוויסן מיר זיך אויך פון דער רומענישער סיגוראנש־משינע. אז דאס יידישע טעאטער איז



„פאשיסטיש און רעאקציאנער"...
אן איינפאל פון רומענישע עמלקים!

* *

די יידיש וועלטלעכע שולן אין אמעריקע פייערן היי־יאר דעם 35 יובל פון זייער עקזיסטענץ. „פריינט פון יידיש־לשון" אין לאנדאן און „לשון און לעבן" באגריסן זיי, עס איז אונזער אלעמענס יום־טוב.

# אונזערע קולטור ידיעות דא

* *

דער מאלער מאניע קאן איז אנגעקומען די טעג פון פאריז צו זיין בילדער אויסשטעלונג וואס ווערט געעפנט דא אין לאנדאן אין איינע פון די באקאנטע גאלעריעס, דעם 15־טן מאי.

* *

ד"ר י. י. שטיינבערג איז דא אויף א באזוך אין לאנדאן אין באגלייטונג פון זיין פרוי. דער יידישער זשורנאליסטן און שרייבער פאראיין האבן זיך באגעגנט מיט זיי ביי א גלעזל טיי, וואס דער זשורנאליסטן און שרייבער פאראיין האט איינגעארדנט לכבוד זיי. ד"ר שטיינבערג האט ביי דעם חברישן צוזאמענזיין געהאלטן אן אויספירלעכן רעפעראט וועגן זיין „פריילאנד".

* *

דער יידישער זשורנאליסטן און שרייבער פאראיין האט געמאכט א קבלת פנים פאר די דיכטער ה. לייוויק און ישראל אפרת און די זינגערין שיינוועה, בשעת זייער קורצן זיין דא אין לאנדאן, וואו די חשובע געסט האבן אונז דערציילט פון אמעריקאנער יידישן ישוב און וועגן זייער נסיעה אין די דייטשע לאגערן.

* *

מירסקי, דער רעדאקטאר פון דאס „נייע לעבן" אין לאדזש, ווייל איצט אין לאנדאן אויף דער דורכרייזע קיין אמעריקע צוזאמען מיט א גרעסערער דעלעגאציע, פארטרעטער פון אלע יידישע פארטייען אין פוילן מיטן פארזיצער פון יידישן צענטראל קאמיטעט ד"ר זאמערשטיין בראש.

* *

די אקטיארן מרים קאראלאווא און לעאן בלומענזאן זיינען געקומען נאך לאנדאן פון פאריז און האבן אנגעהויבן שפילן אין „ניי יידיש טעאטער" אין אלדער סטריט, שבת דעם 27־טן אפריל האט מען זיי אויפגענומען מיט א ווארעמען ברוך הבא, ביי „די יידיש־ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס". בלומענזאן האט דערציילט פון זיין איינהאלט אין די נאצי געפאנגענע לאגער וואו ער איז געווען די אלע שווערע יארן.

* *

דער לאנדאנער שוישפילער שלמה קאהן, צוריקקומענדיק פון זיין קורצן באזוך אין בעלגיע און פאריז, האט געהאלטן א רירנדיקן רעפארטאזש־רעפעראט ביים יידיש ליטערארישן שבת־נאכמיטאג און געשילדערט מיט באגייסטערונג און באוואונדערונג דעם יידישן קולטור ניווא וואס ער האט געטראפן אין די צוריק זיך אויפבויענדיקע ישובים, זייער געוואלטיק בא־

מיען פאר א גוטן יידיש־טעאטער און שולן פאר קינדער א.א.וו.

*　*

אונזערע אויסגעצייכנטע פריץ־פאר־לייענער און רעציטאטארן הײ־יאר ביי אונזער פריץ־פייערונג האבן ממש גע־ווירקט ווי א קאנקורס. די העכסטע אויסצייכענונג קומט אייזיק גאלדבערגן פאר זיין לייענען פרצס „א פארשטער־טער שבת“.

*　*

פרוי רחל ראן יוחאי האט געשריבן א נייע דראמע „אין די בערג פון יהודה“, און דאס שטיק ווערט אויסגע־פירט פון מארק מארקאוו אין גרענד־פאליי־טעאטער דעם 18־טן מאי.

*　*

ש. י. דארפזאן (הארענדארף) האט לעצטנס פארענדיקט א נייע אק־טועלע פיעסע „חנה סענעש“ (3 אקטן און 4 בילדער). דער אינהאלט באזירט אויף א וואָרער געשעעניש פון דער לעצטער מלחמה.

*　*

דער צווייטער נומער „יידיש־טעא־טער“, דער אפריל נומער, וועלכער איז יעצט דערשינען, מאכט א פיל בעסערן איינדרוק ווי דער ערשטער נומער. סיי אין יידישן מאטעריאל און סיי דער־מיט, וואס דער יידישער טייל פאר־נעמט מער ווי דער ענגלישער טייל. נאר מיר זיינען דאך נישט מחויב צו צעקלאפן בראוואָ צו א נארישער „לאכערייקע“, אפילו פון א גוטן קא־מיקער, הא?.. שרייבער.. איז אויך א קונסט!

*　*

עס איז דערשינען דער פינפטער נו־מער, דער אפריל נומער פון „אונזער וועג“, פארגרעסערט און שענער.

*　*

אין ניכן דערשיינט א מאנאגראפיע: „ב. באראכאוו א יידישער גאון“ גע־שריבן פון שלמה גאלדענבערג ארויס־געגעבן פון פארלאג „הספר“.

*　*

מיר ענטשולדיקן זיך פאר די פעלער וואס זיינען אריינגעפאלן אין אפריל־נומער, וועלכער האט געטראגן דעם נומער 3 אנשטאט 4 — און אויך פאר די פעלער וואס זיינען מסתמא אין היינטיקן נומער. ביי אונזערע טעכ־נישע מיטלען איז עס לײדער אומפאר־מיידלעך.

## מייטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאכמיטאגס

(קינגס־האל, 83, קאמערשל רויד, א.1. — 3 א זייגער ביינאג.)

שבת, דעם 4־טן מאי, די זכרון־פייערונג פון ווארשאווער געטא־אויפ־שטאנד.

שבת, דעם 11־טן, געווידמעט די 30־טע יארצייט פון אונזער בארימטן קלאסיקער שלום עליכם, דער ערשטער שבת פון די צוויי־חדשים־פייערונג לכבוד אונזער גרויסן הומאריסט, ביי וועלכער מר. פארנער וועט זינגען א סעריע פאלקס־לידער לכבוד דעם גרויסן פאלקס־דיכטער.

שבת, דעם 18־טן, די טראדיציאנעלע ל"ג־בעומר פייערונג.

שבת, דעם 25־טן, וועט ד"ר חיים טענענהויז האלטן א פארטראג איבער דער תנאים־עפאכע, פון די שאפער פון פרק אבות.




צו די חשובע לייגער פון „מארגן־זשורנאל“ אין ענגלאנד

איר קאנט באשטעלן דעם ניו־יארקער „מארגן־זשורנאל“ דורך אונזער לאנדאנער ביוראו ווען איר שיקט (אין פאריס) א טשעק אדער א „מאני־ארדער“ פארן אבאנאמענט פון £3.17.6 א יאר, אדער £1.19.0 פאר 6 חדשים. באשטעלונגען אויף א קורצערן טערמין ווערן נים אנגענומען. שרייבט דייטלעך אייער נאמען און אדרעס (אין בלאק־שריפט) און שיקט אייער באשטעלונג אויף פאלגענדן אדרעס:

"Jewish Morning Journal" of New-York,
*London Bureau*: 66 Woodlands, Golders Green, N.W.11
*Telephone*: SPEEDWELL 7935.

„די צייט“

געגרינדעט אין 1913 פון

מאררים מייער

די איינציגע טעגליכע אידישע ציימונג אין איירָאפּא.

גרענד פאליי

לאנדאנער אידישער טעאטער

מענעדזשערעס: מרס. ג. איזיקאוויטש

אונטער דער אנפירונג פון מארק מארקאוו

די קינסטלער קאמפאניע:

עטא טאפעל, אניעלא, עווא ווידמאן, עלין ורינאגראד, חנה פאליאקאוו, רייטשעל סאראקין, פרידא טעמפעל.
מארק מארקאוו, אהרן פאליאקאוו, וואלדעמאר היינצע, סעם גאלדבערג, יאזעף מארקאוויץ, איזידאר בלעקער, הערי פאנאנאווסקי, שלום יאקובאוויץ.

פארשטעלונגען שבת, זונטיק, מאנטיק, דינסטיק, מיטוואך, 7.30

ארבעטער-רינג
פראפאגאנדע קאמיטעט

סערקל הויז, עלי סט., א.1.

יעדן זונטיק 3.30 קומען פאַר ליטעראַרישע, געזעלשאַפטלעכע פאַראַנשטאַלטונגען איבער קול־טורעלע און פּאָליטישע פּראָבלעמען.

די ביבליאָטעק איז אָפן יעדן זונטיק פון 12־2.

די
בן-אורי קונסט גאלעריע
14, Portman St.,
London, W.1.

האָט אַן אויסשטעלונג פון
מאלעריי און צייכענונגען
פון סאָלאָמאָן י. סאָלאָמאָן, ר.א.,
און פון לילא דעליסא דושאוועם.
פון 5־טן ביז 26־סטן מאַי.

נ י י - א י ד י ש  ט ע א ט ע ר
פאלקס הויז (בית עם לטד.) אדלער סט., א.1
דירעקטאָריום: ו. קאַסאָף, ה. רייפעלזאָן, מרס. שאַפּירא.
מענעדזשער: מ. ביטלער. אָנפירונג: א. מייזעלס. האָן. סעק.: א. ביטלער.
מאיר צעלניקער
און די קינסטלער קאָמפּאַניע לויט א״ב:
פרויען: אנא בוים, מארי גאָלדשטיין, קלאַרא מייזעלס, מעטא סעגאל, אנא צעלניקער, מיני שערמאַן א.א.
מענער: מאָריס אַקסעלראָד, מאַקס בוים, פּאול גאָלדשטיין, דוד סעגאל, א. פוקס, שלמה קאָהן, יאָזעף שערמאַן, משר שאַפּירא, נייטען שווארץ, א.א.
מוזיק דירעקטאָר: פהיל בערנשטיין.
יעדן אוונט פארשטעלונג (פרייטאָג געשלאָסן)
שבת און זונטאג מאטינע 3 בייטאג
אוונט 7.


76

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.


זעקסטער יארגאנג  לאָנדאָן, יוני 1946  נומער 6 (העפט 77)

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


אינהאַלט:


דאָס שאַפן פונם פאלק •• . . . . 1
שלום, צום מלחמה אינוואַליד (לידער) . . . 7
דער נצחון־עשאַלאָן (רעפּאָרטאַזש) י. ראַפּאַפּאָרט . 9
נעכטן היינט און מאָרגן, פּרץ זילבערבערג. . 11
בשעת תפילה (סקולפּטור) מ. סאָקאָל. . . 15
רבי עקיבא, לא תרצח, שבת־לייכטער א.א. (לידער און באַלאַדן)
א. נ. שטענצל . . . 16
איזערנע קאַסע (פון דער סעריע איבערלעבענישן) משה עובד 23
אַן אשת איש (מאָנאָלאָג) ל. ש. קרעדיטאָר. . 28
אין תפיסה, די רפואה, תקומה, דער שכר (סאָנעטן) י. ש. טויבש
אַ בריוו ווי מ׳ליינט אים און אַ וואָרט ווי מ׳פאַרטייטשט עס (עסיי)
נחום שטענצל. . . . 32
דעם שליפערס ליד (ליד) משה עובד. . . 34
דערהערט דעם גלאָק (מוזיק) י. ביאַלסקי . . 36
דער טעקסט פונם ליד . . . . 37
אויף אַלט נייע וועגן, ש. גאָלדענבערג . . 38
סאַלאָמאָן י. סאַלאָמאָן און לילי דעליסא יאָסעף א. נ. ש. . 39
יאָשע זעלדין (פון דער סעריע שרייבער שלאַכטליט) י. דאָברושין 42
ביי יידן און ביי גאָנדין אין אינדיע (נאָטיצן פון אַ רייזע־טאָגבוך)
קאַמיל י. האָניק . . . 47
אַ שטעקעלע אַריין אַ שטעקעלע אַרויס ש... . . 50
פעראיין־ און רעדאַקציע נאָטיצן . . . 56
קולטור ידיעות מארבע כנפות הארץ . . . 59
קולטור ידיעות פון דאָ . . . . 60
יידיש־ליטעראַריש שבת־נאָכמיטאָגס . . . 62


פרייז 1 שילינג

**אבאנאמענט פאר דער יאר 13 ש. און 6פ.**


אדרעס פון רעדאַקציע
„לשון און לעבן", נאַראָד־פּרעס, 129-131 קאַווועל סטריט, לאָנדאָן, א.1.

*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*